בעזהשי"ת

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

הַאֲזִינוּ

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**

**www.breslevcenter.com**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**מיר דארפן שטענדיג געדענקען וואס דער רבי האט געטון און טוט מיט אונז; ארבעטן מיט מענטשן שעפט זייער אויס אבער די נחת וואס מען זעט געבט די כחות אנצוגיין; גוט געדענקען אז א מענטש האט נישט קיין גוטער חבר - אויסער די ווייב; זען צו פאלגן דעם רבי'ן מיט אלעס און בעיקר צו לעבן מיט די ווייב באהבה ואחוה ושלום וריעות.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ראה, כ"ד מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן **לכבוד מיינע טייערע תלמידים שיחיו.**

יעצט ווען עס איז שוין אריבער גאנצע צען יאר פון ווען מיר האבן געעפענט די ישיבה וויל איך זיך אביסל אויסשמועסן מיין הארץ מיט אייך.

אין איינע פון די בריוון וואס דער רבי האט געשריבן פאר אנשי שלומינו (כמובא בתחילת ספר עלים לתרופה) שרייבט דער רבי דעם לשון: **"דערמאנט אייך איטליכער ווי איך האב אייך געפונען"**; דער רבי בעט אונז מיר זאלן נישט פארגעסן ווי אזוי מיר האבן אויסגעזען ווען מיר האבן געטראפן דעם רבי'ן. אז מיר וועלן געדענקען וואס דער רבי טוט מיט אונז וועלן מיר קיינמאל נישט אפלאזן דעם רבי'ן.

איך וויל זיך אביסל אויסשמועסן מיין הארץ מיט אייך; איר ווייסט אודאי אז צו פירן א ישיבה דארף מען זייער אסאך כוחות. באמת שעפט יעדע ארבעט ארויס די כוחות פונעם מענטש, אבער בפרט ווערט מען ערשעפט ווען מען ארבעט מיט בעלי בחירה; צו פירן א ישיבה איז זייער א שווערע ארבעט און עס נעמט אסאך צייט ווי לאנג מען זעט פירות פון די שווערע הארעוואניע וואס מען לייגט אריין.

מיין גאנצע כח צו פירן ווייטער די ישיבה נעם איך פון דעם וואס איך זע נחת ביי תלמידים; מען זעט ווי תלמידים פירן זייער שטוב מיט די הקדמות וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט, דאס ברענגט אז איך זאל ווייטער וועלן ממשיך זיין מיט די הייליגע ארבעט.

איך בין זייער אסאך אריבער במשך די פארלאפענע צען יאר, מען האט מיר פראבירט צו צעברעכן אויף אלע אופנים וכו', אבער געלויבט דעם אייבערשטן אז די ישיבה שטייט, און נישט נאר די ישיבה שטייט, נאר מיר האבן געעפענט א חדר מיט א מיידל סקול און נאך אביסל וועלן מיר האבן א שיינע שטעטל מיט מוסדות וכו' וכו'. ס'איז דא איין זאך וואס געבט מיר כח אנצוגיין: ווען איך זע ווי איר פירט זיך אזוי שיין און איר האט שלום בית, איר ווייסט אז נישט חברים איז דער לעבן, נאר דער לעבן איז

די ווייב און קינדער. אזוי אויך פארקערט - וואס צעברעכט מיר? ווען איך זע אז איר קומט זיך נישט אויס אין שטוב מיט אייער ווייב.

איך בעט אייך מיינע טייערע תלמידים וואס איר זענט ביי מיר באליבט ווי מיינע קינדער: געדענקט וואס איר האט געלערנט אלע יארן אין ישיבה, אז א מענטש האט נישט קיין חברים, עס איז נישט דא אזא זאך ווי א חבר, און ווי מוהרא"ש זכרונו לברכה זאגט: "א אינגערמאן האט נאר איין חבר - זיין ווייב".

אז איר האט חתונה געהאט דארפט איר זיך זייער אכטונג געבן פונעם יצר הרע, דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן רסג) "זֶה מַעֲשֵׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דער יצר הרע זוכט צו מאכן א קריגערייַ צווישן מאן און ווייב, ער וויל נאר מען זאל זיך צעטיילן ווייל אזוי קען ער גרינגער אראפ ווארפן דעם מענטש אין עבירות, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד - לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", דער יצר הרע לאקערט אויף אינגעלייט זיי צו צעטיילן, אזוי כאפט ער זיי אריין אין שמוציגע עבירות.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אויף צוויי גרופעס מענטשן האב איך גרויס רחמנות, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אויף מענטשן וואס האבן געקענט מקורב ווערן צו מיר און זיי זענען נישט מקורב געווארן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", און אויף די וואס זענען מקורב צו מיר און פאלגן מיך נישט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", ווייל עס וועט קומען די צייט וואס דער מענטש וועט ליגן מיט די פיס צום טיר, דאס מיינט ווען מען וועט שטארבן - וואס דעמאלט לייגט מען אראפ דעם מענטש אויף דער ערד מיט די פיס אויסגעדרייט צום טיר, און דער מענטש וועט זיך דעמאלט אנקוקן ווי אזוי ער זעט אויס, און ער וועט חרטה האבן: 'פארוואס האב איך נישט געפאלגט דעם רבי'ן? ווען איך וואלט ווען געפאלגט דעם רבי'ן וואלט איך זוכה געווען צו צוקומען צו די גרעסטע מדריגות אויף דער וועלט', אבער עס וועט שוין זיין צו שפעט.

מיר דארפן זען אז מיר זאלן נישט זיין פון די צווייטע כתה אויף וועם דער רבי האט רחמנות, נאר אז מיר זענען דא ביים רבי'ן דארפן מיר פאלגן דעם רבי'ן; בעיקר צו לעבן אין שטוב מיט די ווייב און קינדער באהבה ואחוה שלום וריעות.

דער רבי האט אונז זייער געווארנט מיר זאלן אכטונג געבן צו מכבד זיין די ווייב (שיחות הר"ן, סימן רסג-רסד), און עס איז כמעט נישט געווען א שיעור וואס מוהרא"ש זאל נישט רעדן פון "שלום בית" - אז דער מאן דארף מכבד זיין די ווייב; אז מען איז מכבד די ווייב איז מען זוכה אז דער אייבערשטער רוהט אין שטוב און דורכדעם איז מען זוכה צו אלעס גוטס.

מיט דעם וואס איר וועט לעבן אין שטוב מיט ליבשאפט וועט איר מיר מאכן א נחת רוח און געבן כח אנצוגיין ווייטער.

א גוטן טאג.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

**אויב וועסטו לויפן צו חברים, וועסטו פארלירן דיין ווייב.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ראה, כ"ד מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

דיין ווייב האט זיך זייער אויסגערעדט איר הארץ, אז זי וויל אויפשטעלן א שיינע שטוב מיט דיר, אבער זי שפירט אז זייט דו האסט גענומען ... פאר א חבר האסטו זיך זייער געטוישט.

איך מוז דיר זאגן אז איך זע עס אויך; איך האב שוין לאנג געזען אז דאס איז נישט גוט פאר דיר וכו' אבער איך האב דיר גארנישט געזאגט. איך האב דיר געשריבן בקיצור א בריוו (דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג פרשת פנחס, כ"ב תמוז), אבער יעצט מוז איך דיר זאגן אפען אז עס איז ממש א שאד דיין שטוב זאל דיר צוגרינד גיין.

דו האסט באקומען א ווייב וואס נישט יעדער איז זוכה צו באקומען; זי איז דיר אזוי געטריי, זי האט אלע מעלות. פארוואס זאלסטו לאזן דער יצר הרע זאל דיר צעשטערן דיין שטוב?! עס טוט מיר זייער וויי צו זען ווי דער יצר הרע האט געטראפן א וועג ענק אפצוטיילן. איר האט דאך געלעבט אזוי שיין, איר האט מיר געברענגט אזוי פיל נחת, יעצט איז געלונגען פארן יצר הרע צו קאליע מאכן דאס ליבשאפט צווישן אייך (עס וועט אים נישט גיין).
~~~~~~~~~~

איך וועל דיר זאגן דעם אמת, איך האב נעכטן נישט געגעבן קיין שיעור ביי מלוה מלכה ווייל עס האט מיר געשטאכן אין הארץ; אלע האבן זיך געוואונדערט 'וואס גייט פאר, פארוואס רעדט נישט דער ראש ישיבה ביי מלוה מלכה?!' איך דארף נישט קיינעם אפגעבן דין וחשבון וואס, ווען און וואו. אבער דיר זאג איך וואס איז געווען, דיין ווייב האט זיך אויסגעוויינט אז זי ווייסט נישט וואס צו טון, זי שפירט ווי איר גאנצע הארעוואניע פון אלע יארן גייט יעצט צוגרינד דורך דעם וואס דו האסט אריין גענומען א צווייטן אין דיין לעבן.

הער צו טייערער הארציגער ... נרו יאיר וואס דיין ראש ישיבה זאגט און בעט דיר: הער אויס וואס דיין ווייב רעדט צו דיר; זי איז א פרוי מיט שכל און זי ווייסט גאר גוט וואס איז גוט פאר דיר און זי איז הונדערט פראצענט גערעכט. אז דו וועסט נישט צו הערן דיין ווייב וועסטו אלעס פארלירן; דו וועסט פארלירן דיין ווייב, דיינע קינדער, דיין געלט, אלעס אלעס. הער צו וואס דיין ווייב זאגט דיר, וועט דיר גוט זיין.

אמת, מען דארף טאקע האבן חברים מיט וועם מען קען שמועסן וכו', אבער אז דער חברותא-שאפט ווערט צו נאנט, אזוי ווייט אז מען רירט זיך נישט אוועק איינער פון צווייטן וכו', איז דאס נישט קיין געזונטע חברותא-שאפט וכו'. איך וויל נישט צו פיל מאריך זיין אין דעם ענין וכו', איך האף דו וועסט פארשטיין אז עס איז זייער אינטערעסאנט, ווען דו וועסט זיך אויפכאפן פון שלאף.

איך זאג דיר נאכאמאל, עס טוט מיר זייער וויי צו זען ווי דו לויפסט אוועק פון דיין ווייב וכו' צו א כלומר'ישע חבר וואס נוצט דיר אויס און קוועטשט דיר אויס פאר זיינע אייגענע אינטערעסן און וועט דיר אוועק ווארפן ווי אן אויסגעקוועטשטע לעמאן.

איך האף אז דו וועסט אננעמען מיינע ווערטער, דאן וועסטו האבן א שיינע לעבן.

...

~~~~~~~~~~

**מ'דארף פרישע חיזוק יעדן טאג.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ראה, כ"ד מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי'.**

איך האב געשריבן פאר אייער מאן א בריוו און ער האט עס זייער שיין אנגענומען, ער האט מיר באדאנקט דערויף. איך האף צום אייבערשטן אז איר וועט צוריק לעבן ווי אמאל, באהבה ושלום. אייער מאן אז א טייערער אינגערמאן, עס איז א שאד אז ... נעמט אים אוועק זיין קאפ און הארץ פון אייך.
~~~~~~~~~~

אויף דער וועלט דארף יעדער איינער חיזוק; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (קידושין ל:): "יִצְרוֹ שֶׁל אָדָם מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּכָל יוֹם", יעדן טאג קומט דער יצר הרע צום מענטש און וויל אים אוועק נעמען פונעם אייבערשטן, "וְאִלְמָלֵא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹזְרוֹ, אֵין יָכוֹל לוֹ", ווען נישט דער אייבערשטער זאל העלפן וואלטן מיר זיך נישט געקענט מתגבר זיין.

איך וועל אים מחזק זיין ער זאל זיך אפלאזן פון מענטשן וואס נוצן אים אויס און שטערן זיין פריוואטע לעבן מיט אייך.

דער אייבערשטער זאל אייך העלפן איר זאלט צוריק פאראייניגט ווערן מיט אייער מאן; איך זאג אייך נאכאמאל, ער פאר זיך איז א גאלדענער מענטש, ער דארף זיך נאר אפלאזן פון מענטשן וואס שלעפן אים ארויס פון שטוב.

בעטס דעם אייבערשטן יעדן טאג איר זאלט אויפשטעלן א שיינע ערליכע שטוב צוזאמען מיט אייער טייערער מאן; מיט תפילה קומט מען אן צו פועל'ן זאכן וואס זעען אויס אז מען קען נישט פועל'ן.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין אין אלע ענינים.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

**א נייעם מחזור אין תלמוד ירושלמי; דער הייליגער רבי פילט אונז אן מיט תורה, מיר וועלן זיך נישט דארפן שעמען ביים ארויפקומען אויבן; דער ריכטיגער געלעכטער איז אויף דעם וואס לאכט פונעם דרך הלימוד; מ'האלט שוין ביים שוועל פון חודש אלול, דארף מען זיך באפלייסן אין לימוד התורה; דורך א דף גמרא האט מען א גוטע וואך; א סיום הש"ס וואס מען זעט נישט זיינס גלייכן אין די גאנצע וועלט.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת ראה, כ"ה מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

דעם שבת האבן מיר נאכאמאל אנגעהויבן "תלמוד ירושלמי"; עס איז נישט צום גלייבן וואס דער רבי טוט מיט אונז, ער נעמט פשוט'ע מענטשן ווי מיר זענען און פילט אונז אן מיט אזוי פיל תורה, דער רבי פילט אונז אן מיט מקרא; משנה; גמרא - בבלי, ירושלמי, תוספתא; רמב"ם; טור; שלחן ערוך; וכו' וכו'. אז מען נעמט דעם רבינ'ס "סדר דרך הלימוד" איז מען זוכה ביז א קורצע צייט צו ווערן א גרויסער תלמיד חכם.
~~~~~~~~~~

עס איז דא א ניגון אויף די ווערטער (משלי לא, כה): "עֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ, וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן"; מען זינגט דעם ניגון זייער אסאך אין ברסלב און מוהרא"ש פלעגט טאנצן 'מצוה טאנץ' אויף דעם ניגון. מוהרא"ש פלעגט שטענדיג חזר'ן דעם מאמר חז"ל אויף דעם פסוק (שמות רבה נג, ב): "אֵימָתַי הַתּוֹרָה מְשַׂחֶקֶת לָאָדָם?" ווען לאכט די תורה צום מענטש, ווען זעט דער מענטש וואס ער האט אויפגעטון אין זיין לעבן? "הֱוֵי לְיוֹם אַחֲרוֹן", ביים לעצטן טאג; דעמאלט נעמט מען אפיר אלע תורה וואס דער מענטש האט געלערנט, אלע פרקים משניות וואס דער מענטש האט געלערנט. דעמאלט וועט מען זען וואס איז געווארן פון אלע דפים גמרא, דאן וועט מען זען דאס ווארהייט פונעם סדר דרך הלימוד און דאס גרויסקייט פון אלע וואס האבן געפאלגט דעם רבי'ן בתמימות ופשיטות.

ביי די לויה ווען מען וועט באגלייטן דעם נפטר וועט מען נישט סתם טראגן דעם ארון, נאר עס וועט זיין אן 'ארון הקודש', אן 'ארון מלא ספרים'; עס וועט ליגן אינעם ארון גאנץ תנ"ך, ששה סדרי משנה, בבלי, ירושלמי, תוספתא, רמב"ם, טור, שלחן ערוך, כל המדרשים, זוהר ותיקונים, כל ספרי רבינו, וכו' וכו' - דעמאלט וועט מען זען ווער עס איז דער געלעכטער. דער וואס האט נישט געפאלגט דעם רבי'ן וועט נעבעך זיין זייער פארשעמט, מען וועט אים טראגן אינעם ארון אזוי ווי מען טראגן א טויטע נבילה, דעמאלט וועט מען זען ווער עס איז דער געלעכטער.

"לאכן, לאכט דער וואס לאכט צום לעצט" - זאגט די וועלט; ווער לאכט באמת? דער וואס לאכט ביים סוף. ווען איינער מאכט אוועק דעם רבינ'ס 'סדר דרך הלימוד', ער לאכט און מאכט ליצנות אז עס הייסט נישט געלערנט ווערט ביי אים מקוים ווערן דער פסוק וואס שטייט (רות א, כא): "אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי, וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי", דאס גייט ארויף אויף א מענטש וואס האט נישט אויסגענוצט זיינע יארן; זיין נשמה קלאגט: "אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי", איך בין אראפ געקומען אנגעפילט מיט כל התורה כולה, אבער: "וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי", איך גיי צוריק ליידיג (עיין זוהר חדש, רות).

מיר קומען שוין נענטער צו חודש אלול; יעצט איז א צייט וואס מען דארף זיך נעמען אין די הענט און אנהייבן לערנען די הייליגע תורה; טייערער ..., זיי נישט קיין בטלן, הייב אן לערנען יעדן טאג דעם דף גמרא; אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט - דאך זע צו זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה. די ווערטער פון די תורה וועט דיר אפריינגן פון אלע דיינע זינד, עס וועט דיר רייך מאכן און עס וועט דיר ברענגען ישועות און הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

כאפ דיך מיט מיטן לימוד ירושלמי; איך לערן פאר יעדן אינדערפרי א בלאט בבלי און א בלאט ירושלמי, דו קענסט דאס הערן אויף קול ברסלב. אז דו קומסט נישט אן צו לערנען דעם בלאט גמרא זאלסטו זאגן די ווערטער פון די הייליגע גמרא, וועסטו זוכה זיין צו ווערן אן ערליכער איד.

נעכטן האב איך געהערט פון אן אייניקל פונעם גבאי פון הרה"ק מהר"א מבעלזא זכותו יגן עלינו, אז ווען מען פלעגט אים זאגן א גוטע וואך, האט דער בעלזא'ער רב געענטפערט: "א גוטע וואך איז א בלאט גמרא"; אן גמרא קען מען נישט לעבן א גוטע וואך.

נעכטן האבן מיר געהאט א סיום הש"ס דא אין קעמפ; איינע פון די אינגעלייט האבן מסיים געווען ש"ס. דאס איז א זאך וואס מען זעט נישט אין די גאנצע וועלט, א אינגערמאן וואס ארבעט א גאנצן טאג זאל ארויסכאפן יעדן טאג אביסל צייט צו לערנען, דאס איז זייער חשוב ביים אייבערשטן. עס האט מיר צוגעגעבן א שטיק געזונט זעענדיג ווי מיינע תלמידים פירן זיך אויף מיט יראת שמים; דאס געבט מיר כח ווייטער ממשיך צו זיין מיט די ישיבה וכו'.

איך ווארט צו הערן פון דיר וואו דו האלסט אין ש"ס און וואו דו האלסט אין משניות.

זיי געזונט.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**זיך שטארקן מיט אמונה פשוטה; נישט האבן חלילה קיין קשיות אויף די אמונה; א צייט צו שווייגן און א צייט צו רעדן; דער טעם פארוואס מיר דאווענען שמונה עשרה מיט צוזאמגעלייגטע פוס; מיר דארפן כסדר חזר'ן: "מיר ווייסן גארנישט און מיר קענען גארנישט, מיר קענען נאר איין זאך: בעטן, בעטן און נאכאמאל בעטן".**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת ראה, כ"ו מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך בעט דיר זייער: שטארק דיר מיט אמונה אינעם אייבערשטן נישט צו האבן קשיות אויף די אמונה, גלייב אז אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז זיכער גוט, און אפילו ווען עפעס זעט אויס שלעכט איז עס אויך לטובה.
~~~~~~~~~~~

וויסן זאלסטו אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט בצדק ובמשפט און מיר דארפן זיך איבערגעבן צום אייבערשטן, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט פאר ר' נתן (שיחות הר"ן, סימן רעט): "אַז עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער אִיז מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל", האט ר' נתן געפרעגט: "ווי אזוי איז מען זיך מבטל?" האט דער רבי געזאגט: "מען פארמאכט די מויל מיט די אויגן, דאס איז ביטול צום אייבערשטן"; דאס הייסט, ווען א מענטש פארמאכט די מויל - ער פרעגט נישט קיין קשיות, ער פארמאכט די אויגן - ער וויל גארנישט זען און פארשטיין, ער ווייסט אז דער אייבערשטער פירט די וועלט, דעמאלט איז ער זוכה אז אלעס ווערט גוט, דער אייבערשטער העלפט אים מיט זיין ישועה.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (זבחים קטו:): "כֵּיוָן שֶׁיָּדַע אַהֲרֹן שֶׁבָּנָיו יְדוּעֵי מָקוֹם הֵם, שָׁתַק וְקִבֵּל שָׂכָר", ווען נדב און אביהו זענען נפטר געווארן האט אהרן הכהן נישט געפרעגט קיין קשיות אויפן אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט (ויקרא י, ג): "וַיִּדֹּם אַהֲרֹן"; וְכֵן בְּדָוִד הוּא אוֹמֵר (תהלים לז, ז): "דּוֹם לַה' וְהִתְחוֹלֵל לוֹ", אַף עַל פִּי שֶׁמַּפִּיל לְךָ חֲלָלִים חֲלָלִים אַתְּ שְׁתֹק, אזוי אויך זאגט דוד המלך: "פרעג נישט קיין קשיות אפילו עס גייט אריבער שווערע ביטערע צרות". שלמה המלך זאגט (קהלת ג, ז): "עֵת לַחֲשׁוֹת וְעֵת לְדַבֵּר", עס איז דא א צייט צו שווייגן און א צייט צו רעדן, "פְּעָמִים שֶׁשּׁוֹתֵק וּמְקַבֵּל שָׂכָר עַל הַשְּׁתִיקָה", ווען מען דארף שווייגן און מען שווייגט באקומט מען שכר אויפן שווייגן; דאס מיינט ווען עס גייט אריבער שווערע צרות דעמאלט איז א צייט פון שווייגן, זיך מבטל זיין צום אייבערשטן. און אז מען שווייגט און מען פרעגט נישט קיין קשיות מיט קיין שאלות, נאר מען ווייסט מיט א קלארקייט אז דער אייבערשטער פירט די וועלט, דעמאלט באקומט מען שכר, "וּפְעָמִים מְדַבֵּר וּמְקַבֵּל שָׂכָר עַל הַדִּבּוּר", אזוי אויך ווען מען דארף רעדן און מען רעדט, באקומט מען שכר אויפן רעדן; דאס איז ווען מען דארף דאנקען דעם אייבערשטן (עיין מהרש"א דבור המתחיל 'וכן שלמה') דעמאלט באקומט מען שכר אויפן רעדן.

שטארק דיר מיט תפילה, בעט דעם אייבערשטן ער זאל דיר העלפן און דיר ארויס נעמען פון דיין צרה. מיר לערנען היינט אין ירושלמי (ברכות ד.) אז ווען מען דאווענט דארף מען שטיין מיט צוזאמגעלייגטע פיס אזוי ווי די מלאכים וואס ביי זיי שטייט (יחזקאל א, ז): "וְרַגְלֵיהֶם רֶגֶל יְשָׁרָה"; ווייל מיט דעם ווייזט מען אז מען קען זיך נישט רירן, מען איז אזוי ווי געבינדן מיט קייטן; מען ווייזט פארן אייבערשטן אז מיר קענען גארנישט טון אן אים, מיר דארפן ער זאל אונז העלפן (עיין טור אורח חיים, סימן צה, בבית יוסף בשם מהר"י אבוהב).

דאס דארפן מיר כסדר חזר'ן: "מיר ווייסן גארנישט און מיר קענען גארנישט, מיר קענען נאר איין זאך, בעטן, בעטן און נאכאמאל בעטן".

איך האף אז דו וועסט אריין נעמען די ווערטער אין הארץ, וועט דיר גוט זיין.

א גוטן טאג.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**שטארקט אייך אין די הייליגע ארבעט צו דרוקן און פארשפרייטן דעם רבינ'ס ספרים**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת ראה, כ"ו מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מיינע טייערע תלמידים ... נרם יאיר.**

איך האב ערהאלטן בילדער ווי מען ארבעט אין ישיבה ביים דרוקן די ספרים; איר מאכט מיר אזא נחת רוח יעדעס מאל ווען איך זע בילדער פון דעם "בית הדפוס" וואו אינגעלייט ארבעטן טאג און נאכט צוצוגרייטן ספרים פאר די מפיצים. ווער עס העלפט דרוקן די ספרים נעמט א חלק אין הפצה.

איך בעט ענק זייער, ווען די מפיצים קומען קויפן ספרים זאלט איר זיי אויפנעמען שיין, ווייל ביים אייבערשטן איז זייער חשוב א מפיץ; דער זוהר הקדוש זאגט (תרומה קכ"ח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּיבָא וְאִשְׁתַּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קום און זע, א מענטש וואס ברענגט צוריק זינדיגע מענטשן צום אייבערשטן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלָּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דער מענטש איז זוכה ארויף צו גיין צו א פלאץ וואס קיין שום מענטש איז נישט זוכה; ער נעמט אוועק טומאה פון דער וועלט און ער מאכט אז דעם אייבערשטנ'ס נאמען זאל ווערן געהייליגט אויף דער וועלט. דער מענטש איז גורם אז אלע וועלטן שטייען אויף זיין זכות, "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", ער איז זוכה צו זען קינדער און אייניקלעך, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", און ער איז זוכה צו אלע גוטע זאכן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קיינער קען אים נישט שלעכט'ס טון - נישט אויף די וועלט און נישט אויף יענע וועלט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", ער גייט אריין אין די דרייצן טויערן פון שערי רחמים און קיינער קען אים נישט צוריק האלטן.
~~~~~~~~~~~

ווער עס טוט פאר אידישע קינדער, ער ברענגט צוריק נשמות ישראל צום אייבערשטן, דער קען ארויף גיין אין הימל בעטן וואס ער וויל און זיינע ברכות ווערן מקוים. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בבא מציעא פה.) אויפן פסוק (ירמיהו טו, יט): וְאִם תּוֹצִיא יָקָר מִזּוֹלֵל - כְּפִי תִהְיֶה, "כָּל הַמְלַמֵּד אֶת בֶּן עַם הָאָרֶץ תּוֹרָה, אֲפִילוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא גּוֹזֵר גְּזֵירָה - מְבַטְּלָהּ בִּשְׁבִילוֹ", אפילו דער אייבערשטער אליינס האט געמאכט א גזירה איז עס דער אייבערשטער מבטל צוליב דעם מענטש וואס ברענגט צוריק אידישע קינדער צו אים.

דערפאר בעט איך אייך מיינע טייערע תלמידים, שטארקט אייך ווייטער מיט ענקער הייליגע ארבעט, און אז איר קענט מיר שיקן יעדן טאג בילדער וואס מען דרוקט וועט איר מיר זייער מחי' זיין.

איך וועל אם ירצה ה' ווייטער מקיים זיין די צוואה וואס דער חכם האט אונז באפוילן, ווי דער רבי הייבט אן די מעשה פונעם חיגר (סיפורי מעשיות, מעשה ג): "מעשה, אמאל איז געווען א חכם, פאר זיין טויט האט ער גערופן זיינע קינדער און זיין משפחה, און האט זיי געלאזט צוואה זיי זאלן 'אנטרינקעןביימער'; איר מעגט עוסק זיין אין אנדערע פרנסות אויך, נאר דאס זאלט איר זען שטענדיג צו טון: 'אנטרינקען ביימער'"; מוהרא"ש איז מסביר (ספר נהרי אפרסמון) אז דאס גייט ארויף אויף מקרב זיין מענטשן צום אייבערשטן, ווייל א מענטש איז צוגעגליכן צו א בוים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (דברים כ, יט): "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה", און מען דארף עס אנטרינקען מיט אמונה.

אזוי אויך וועל איך מיטן אייבערשטנס הילף ווייטער מקיים זיין די צוואה וואס מוהרא"ש האט מיר געשריבן (צוואת מוהרא"ש אות ו; יז) אז מען זאל דרוקן זיינע ספרים און זיי פארשפרייטן פאר די גאנצע וועלט.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**בסייעתא דשמיא וועט מען ארויפצוען נאך א שטיק אינעם נייעם בנין אין אומאן; די תפילות פאר אלע תלמידים ביים ציון פון הרה"ק מסאטמאר זכותו יגן עלינו ביומא דהילולא - בעיקר אז עס זאל זיך נישט אויסלעשן דאס פינק פונעם הייליגן רבי'ן; די דף גמרא איז דער חיות פונעם טאג.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת ראה, כ״ו מנחם-אב, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מיינע טייערע תלמידים שיחיו.**

היינט האבן מיר מחליט געווען אז מיר ציען ארויף נאך א שטאק אינעם בנין אין אומאן כדי עס זאל זיין פלאץ צו שלאפן פאר די אלע וואס האבן נישט קיין פלאץ אינעם אונטערשטן שטאק.

איך האב היינט ארויס גענומען נאך אן הלוואה פון הונדערט טויזנט דאלער וויפיל עס קאסט צו ענדיגן נאך א שטאק כדי דער בנין זאל זיין גרייט ביז ראש השנה, איך בעט דעם אייבערשטן איך זאל קענען וואס שנעלער באצאלן אלע חובות.

איך שיק אייך בילדער פון אומאן וואו איר קענט זען אז מען ענדיגט דעם בנין דאס מערסטע וויפיל מען קען אז עס זאל זיין גרייט פאר דאס יאר ראש השנה תשע״ט הבא עלינו לטובה. אויף די בילדער וועט איר זען ווי מען לייגט די טיילס אין די שטובער; מען לייגט ארויף די טירן ביי די צימערן; מען טראגט ארויף ציגל אויפן דריטן שטאק; מען ציט ארויף שטאנגען פאר די פערטע שטאק, און אזוי ווייטער.

איך בעט אייך אלע: זייטס מתפלל פאר מיר איך זאל קענען באצאלן אלע חובות אין וואס איך בין אריין און דער בנין זאל זיין גרייט אויף ראש השנה.

היינט געפאלט דער יארצייט פון רבינו הקדוש מסאטמאר זכותו יגן עלינו; איך בין היינט פארטאגס געפארן קיין קרית יואל צום ציון, איך האב נישט געקענט זיין דארט צו לאנג ווייל עס איז געווען א געפערליכע געדרענג, מען האט נישט געקענט אריין שטופן א נאדל אינעם אוהל, טויזנטער אידן זענען געשטאנען דארט און געוויינט צום אייבערשטן - יעדער איינער אויף זיינע איבערגייאכץ, עס איז געווען זייער הייס אינעם אוהל, איך האב געמוזט ארויסגיין אינדרויסן, דארט האב איך מתפלל געווען פאר ענק אלע.

איך בעט יעדן טאג דעם אייבערשטן פאר אלע תלמידים איר זאלט מצליח זיין אין אלעס וואס איר דארפט ובעיקר עס זאל מקוים ווערן ביי יעדן איינעם פון אייך וואס דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן שו): ״מיין פייער׳ל וועט טליען ביז משיח וועט

קומען", עס זאל זיך נישט אויסלעשן דעם פינק פון הייליגן רבי'ן, איר זאלט אלע ווייטער פארשפרייטן דעם רבי'ן פאר אלע אידן און פאר די גאנצע וועלט.

גלייך ווען איך בין צוריק געקומען איז פארגעקומען דער שיעור פון א בלאט גמרא בבלי און ירושלמי; וואס זאל איך אייך זאגן, ווען איך לערן פאר דעם דף בבלי און ירושלמי באקום איך אזא חיות, ממש אזוי ווי מוהרא"ש שרייבט אין אשר בנחל אן א שיעור מאל: "דער דף גמרא איז דער חיות פונעם טאג".

היינט האבן מיר געלערנט אין ירושלמי אזא לעכטיגע גמרא (ברכות ד.): "רַבִּי חִיָּיא רַבָּא וְרַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן חֲלַפְתָּא הֲווֹ מְהַלְּכִין בַּהֲדָא בִקְעַת אַרְבֵּל בִּקְרִיצְתָּה", רבי חייא און רבי שמעון בן חלפתא זענען געגאנגען פארטאגס אונטערוועגנס אין א דארף נעבן טבריה וואס האט געהייסן "בקעת ארבל", "וְרָאוּ אַיֶּלֶת הַשַּׁחַר שֶׁבָּקַע אוֹרָהּ", אזוי גייענדיג האבן זיי געזען ווי עס הייבט אן טאג'ן, "אָמַר רַבִּי חִיָּיא לְרַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן חֲלַפְתָּא: 'כָּךְ הִיא גְאוּלָּתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל'", האט זיך רבי חייא אנגערופן צו רבי שמעון בן חלפתא, אזוי ווי דאס אויפשיין פונעם מארגן שטערן אזוי העלפט דער אייבערשטער אידישע קינדער, "בַּתְּחִלָּה קִימְאָה קִימְאָה, כָּל מַה שֶּׁהִיא הוֹלֶכֶת הִיא רַבָּה וְהוֹלֶכֶת". קודם שיינט עס אויף אביסל, און צוביסלעך ווערט עס שטערקער און שטערקער, אזוי ווי עס שטייט (מיכה ז, ח): "כִּי אֵשֵׁב בַּחֹשֶׁךְ ה' אוֹר לִי", ווען איך זיץ אין פינסטערניש מאכט מיר דער אייבערשטער ליכטיג.

טייערע ברידער, ווען מען לערנט אויפן רבינ'ס סדר דרך הלימוד האט מען יעדן טאג שטארקע חיזוק, כאפ זיך מיט מיטן באן.

נאכן שיעור האב איך אנגעגרייט א שיעור פאר די פרויען; היינט נאכט וועט אם ירצה ה' פארקומען א שיעור פאר די פרויען דא אין קעמפ. איך רעד נישט פאר זיי פנים אל פנים, נאר איך זאג א שיעור וואס מען כאפט אפ, און ווען די פרויען קומען זיך צוזאמען זיך מחזק זיין שפילט מען אויף פאר זיי דעם שיעור.

איך האב אייך נאר געשריבן די ערשטע חלק פונעם טאג ביז שחרית; יעצט דארף איך לויפן צו די בחורים זיי געבן די גמרא שיעור. יעצט זוממער לערנען מיר מסכת תענית גמרא רש"י תוספות וכו' ווייל די בחורים זאגן דאס יעדן טאג פערציג טעג אין א צי' איז גוט אז זיי זאלן דאס פארשטיין.

ברוך ה' אז דער טאג איז מיר אנגעפילט מיט מחזק זיין אידישע קינדער, איך האף אז איר וועט האבן אביסל חיזוק אז איר זאלט אויך טון גוטע זאכן.

זייטס געזונט און שטארק.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

**דאנקען דעם אייבערשטן אז מען האט חתונה געהאט; אן ערליכער איד נעמט גארנישט פאר גרענטעד, ער דאנקט דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך אין לעבן; דורך לעבן מיט אמונה און דאנקען דעם אייבערשטן ווערט מען פריילין; זיין געווארנט אין מכבד זיין און העלפן די ווייב, אזוי ווי דער הייליגער אריז"ל האט זיך געפירט; וואס איז קבלה און גילוי אלקות? אפלאזן די סמארט-פאון, דאס נעמט אלעס אוועק פונעם מענטש.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת ראה, כ"ז מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

דאנק און לויב דעם אייבערשטן אז דו האסט חתונה געהאט און דו האסט א ווייב מיט ליכטיגע קינדער. ערליכע אידן דאנקען יעדן טאג דעם אייבערשטן אויף זייער ווייב; ביי ערליכע אידן איז יעדע זאך וואס מען האט אין לעבן א מתנה פונעם אייבערשטן. מען האט געטראפן א שידוך - איז דאס א מתנת חינם פונעם אייבערשטן, מען האט חתונה געהאט - איז דאס ווייטער א מתנה פונעם אייבערשטן, מען האט קינדער - איז דאס גאר א גרויסע מתנה פונעם אייבערשטן; אויף יעדע זאך דאנקט מען און מען לויבט דעם אייבערשטן.

ווי מער מען דאנקט דעם אייבערשטן אלץ מער פריילין איז מען; מען ווייסט אז אלעס איז דער אייבערשטער, מען לעבט מיט אמונה פשוטה וויסענדיג אז דער אייבערשטער טוט נאר וואס איז גוט פאר אונז. ווען א מענטש ווייסט און אנערקענט אז נאר דער אייבערשטער ווייסט וואס איז גוט פאר אים ווערט דער מענטש פריילין, און איז דאנקבאר אויף יעדע פרט וואס ער האט.

איך בעט דיר זייער, זע צו העלפן דיין ווייב; עס איז נישט דא קיין גרעסערע מצוה ווי צו העלפן די ווייב מיט די קינדער. שלמה המלך זאגט אונז (משלי יא, יז): א גוטער מענטש איז דער וואס העלפט זיין שטוב - "גֹּמֵל נַפְשׁוֹ אִישׁ חָסֶד", א גוטער מענטש טוט גוטס מיט זיין ווייב און קינדער, "וְעֹכֵר שְׁאֵרוֹ אַכְזָרִי", אבער א שלעכטער מענטש איז אן אכזר פאר זיינע קרובים; עס זענען דא מענטשן וואס זענען זייער גוט הארציג פאר יענעמס קינדער, זיי רופן געסט וכו', זיי מאכן זיך בא'טעמ'ט פאר א צווייטן, אבער פאר די אייגענע קינדער געבן זיי נישט קיין גוט ווארט; וואו איז דער שכל? פארוואס
~~~~~~~~~~

זאל מען נישט געבן ליבשאפט אין די אייגענע שטוב פאר די ווייב און קינדער?! דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן צו): "מִי שֶׁאֵין לוֹ רַחֲמָנוּת עַל בָּנָיו, בְּיָדוּעַ שֶׁאֵין לוֹ חֵלֶק בְּשֵׂכֶל דִּקְדֻשָּׁה", ווער עס האט נישט קיין רחמנות אויף זיינע קינדער איז א סימן אז ער האט נישט קיין שכל.

דערפאר בעט איך דיר, געב גוטע ווערטער פאר דיין ווייב און קינדער. זיי נישט קיין קארגער מענטש - נישט אויף גוטע ווערטער און נישט מיט געלט. זיי א געבעדיגער מענטש, סיי ווען מען דארף געלט אין שטוב און סיי צו געבן גוטע ווערטער. דער זוהר הקדוש זאגט (תיקוני זוהר, הקדמה ב.): "קַמְצָן נָבָל בְּמָמוֹנֵיהּ, דְּלָאו אִיהוּ נָדִיב וְלָאו אִיהוּ מִזַּרְעָא דְּאַבְרָהָן", א קמצן איז א נבל, און דאס איז א סימן אז ער שטאמט נישט פון אידן רחמנא לצלן.

פארוואס זאל דיין ווייב גיין מיט צעריסענע בגדים וכו'? וואס מיינסטו, דו וועסט ארעם ווערן אז דו וועסט איר פארגינען נייע בגדים?! פארוואס זאלסטו איר נישט מכבד זיין, אזוי ווי אונזערע הייליגע חכמים זאגן אונז (חולין פד:): מַאי דִּכְתִיב (תהלים קיב, ה): "טוֹב אִישׁ חוֹנֵן וּמַלְוֶה יְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט", לְעוֹלָם יֹאכַל אָדָם וְיִשְׁתֶּה פָּחוֹת מִמָּה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, וְיִלְבַּשׁ וְיִתְכַּסֶּה בַּמֶּה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, וִיכַבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו יוֹתֵר מִמָּה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, פאר זיך זאל מען נישט אויסגעבן געלט נאר וויפיל מען האט, אבער פאר די ווייב און קינדער זאל מען קויפן עסן און קליידער פאר מער וויפיל מען האט.

דו וועסט זיך מעגליך וואונדערן אז איך שרייב דיר אזעלכע פשוט'ע זאכן, דו וועסט פרעגן פארוואס מען דארף רעדן פון קויפן קליידער פאר די ווייב, ענדערש זאל מען רעדן פון הויכע זאכן וכו'... וועל איך דיר אראפ ברענגען הויכע זאכן. קוק וואס רבי חיים ויטאל זכותו יגן עלינו שרייבט (שער המצוות, פרשת עקב) וזה לשונו: רָאִיתִי לְמוֹרִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה 'שֶׁלֹּא הָיָה חוֹשֵׁשׁ בְּעַצְמוֹ לְהִתְכַּבֵּד בְּמַלְבּוּשִׁים נָאִים יוֹתֵר מִדַּי', איך האב געזען ביי מיין רבי דער הייליגער אריז"ל, אז ווען עס איז געקומען צו קויפן בגדים פאר זיך האט ער נישט געקויפט קיין טייערע קליידער, 'גַּם בְּמַאֲכָלוֹ הָיָה אוֹכֵל דָּבָר מוּעָט מְאֹד', אויך ביי עסן - ווען עס האט זיך גערעדט פאר זיך - האט ער נישט געגעסן קיין סאך, ער פלעגט עסן זייער ווייניג, 'אֲבָל בְּמַלְבּוּשֵׁי אִשְׁתּוֹ הָיָה זָהִיר מְאֹד לְכַבְּדָהּ וּלְהַלְבִּישָׁהּ', אבער ווען עס איז געקומען צו זיין ווייב האט ער זייער אכטונג געגעבן איר צו מכבד זיין מיט שיינע קליידער, 'וְהָיָה מַפִּיק כָּל רְצוֹנָהּ אַף אִם לֹא הָיְתָה יָדוֹ מַשֶּׂגֶת כָּל כָּךְ', ער האט איר צופרידן געשטעלט דאס מערסטע וואס מען קען, אפילו ער האט נישט געהאט קיין געלט דאס צו קענען טון.

א אינגערמאן האט מיר דערציילט אז ער האט אמאל געטראכט א פלאן אז מוהרא"ש זאל געבן א שיעור אין קבלה; היות מוהרא"ש געבט א שיעור יעדן ליל שישי פאר עמך אידן וואס דעמאלט קען מען נישט רעדן אפען פון גילוי אלוקית, ווייל עס קומען פשוט'ע מענטשן און מוהרא"ש דארף זיך אראפ לאזן און רעדן צו זיי פון פשוט'ע זאכן (אזוי האט ער געטראכט), ממילא איז אפשר כדאי צו מאכן איינמאל א וואך א שיעור פאר דערהויבענע אינגעלייט; מען וועט רופן נאר בני עליה צום שיעור און דעמאלט וועט מוהרא"ש קענען רעדן אביסל מער אפען קבלה וכו'. למעשה איז ער אריין צו מוהרא"ש בעטן ער זאל געבן א שיעור אין קבלה איין מאל א וואך, האט אים מוהרא"ש געענטפערט: "איך געב דאך שוין א שיעור אין קבלה יעדע ליל שישי"...

דער מעשה איז א טיפע לימוד פאר אונז; וואס איז קבלה, וואס איז גילוי אלוקית? די פשוט'ע ווערטער וואס מוהרא"ש פלעגט רעדן מיט אונז וואך איין וואך אויס - דאס איז קבלה, דאס איז גילוי אלוקית. מוהרא"ש פלעגט רעדן צו אונז פון אמונה, תורה, תפילה און שלום בית - דאס איז קבלה, און ווי פריער דערמאנט וואס ר' חיים ויטאל שרייבט וואס ער האט געזען ביי זיין רבי דער הייליגער אריז"ל, ווי ער פלעגט אכטונג געבן אויף זיין ווייב איר מכבד צו זיין און איר געבן אפילו ער האט נישט געהאט קיין געלט וכו'.

טייערער ברודער, נעם אריין די ווערטער וואס איך שרייב דיר; לאז אפ אלע כלומר'ישע חברים, לאז אפ דיין סמארט-פאון. אין שטוב ברענגט מען נישט אריין א סעלפאון וואס איז אפען צו די גאס וכו', ווייל אז מען ברענגט אריין אינטערנעט אין שטוב גייט ארויס די שכינה. די תורה זאגט (דברים כג, טו): "כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ לְהַצִּילְךָ וְלָתֵת אֹיְבֶיךָ לְפָנֶיךָ, וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ, וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר, וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ", דער אייבערשטער זאגט: "איר זאלט זיך פירן הייליג, ווייל אויב איר וועט זיך נישט פירן בצניעות וועל איך אוועק גיין פון אייך"; עס איז נישט דא קיין גרעסערע ערות דבר ווי האבן א סמארט-פאון, טעבלעט וכו' - וואו מען זעט עקלדיגע בילדער, קליפס, מאוויס און ווידיאוס פון עבירות.

גלייב מיר, איך שרייב דיר דעם בריוו בשעת עס רינט מיר טרערן פון די אויגן, איך וויין פאר אידישע קינדער וואס פאלן אריין אין דעם. אז מען האט אפענע אינטערנעט און מען קוקט עבירות - פארלירט מען אלעס, מען פארלירט דעם געפיל צו די ווייב און קינדער, מען פארלירט דעם געפיל צו דאווענען און לערנען און מען פארלירט די אמונה; קודם מאכט מען ליצנות פון צדיקים און נאכדעם פונעם אייבערשטן אליינס רחמנא לצלן.

איך בעט דיר, כאפ דיר צוריק און זיי עומד בנסיון; טראכט אריין ווי אזוי עס וועט אויסזען ווען דו וועסט ארויף קומען אויף יענע וועלט, אלע צדיקים וועלן דיר אנקעגן קומען, מוהרא"ש וועט דיר אנקעגן קומען און ער וועט דיר פרעגן: "איך האב דיר חתונה געמאכט, איך האב זיך מוסר נפש געווען פאר דיר דו זאלסט האבן א גוט לעבן, איך האב דיר געגעבן אזעלכע זיסע עצות ווי אזוי צו לעבן מיט א ווייב, פארוואס האסטו זיך געהאלטן קלוגער פון די תורה?!"

איך וועל דיר נאך אם ירצה ה' שרייבן, איך דארף יעצט גיין העלפן מיין ווייב מיט די קינדער, איך מוז שוין ענדיגן דעם בריוו.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**דאס גרויסקייט פון ערב ראש חודש אלול; זיך מחזק זיין צו לערנען דעם רבינ'ס ספרים; אט אט פארן מיר שוין צום הייליגן רבי'ן, ווי אזוי קענען מיר אנקומען? אונזער מנהג לגבי "לדוד ה' אורי".**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת ראה, כ"ח מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

מיר פירן זיך צו זאגן היינט יום כיפור קטן; עס איז אנגענומען ביי אלעמען צו זאגן ערב ראש חודש אלול יום כיפור קטן, זאלסטו זען צו זאגן היינט יום כיפור קטן. היינט איז א טאג פון תשובה - זיך צוריק קערן צום אייבערשטן; דער אייבערשטער זאל אננעמען אונזערע תפילות מיט די תפילות פון אלע אידן.

מאך דיר א שיעור אין הייליגן רבינ'ס ספרים; רבי נתן זכרונו לברכה האט געזאגט פאר ער איז אוועק פון דער וועלט: "אֲפִילוּ דֶער גְרֶעסְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ הַאלְטְן אִין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועט אִים דֶער רֶבִּי מְתַקֵּן זַיין".

דער רבי האט זייער אויסגעלויבט זיין ספר, ער האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שמט) אז מען קען ווערן א גרויסער בעל תשובה דורכן לערנען זיין ספר, נאך האט דער רבי געזאגט: "מִי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ", ווער עס וועט לערנען זיין ספר מיט אן אמת וועט זיך אים עפענען אלע זיינע פארשטאפטע אדערן.
~~~~~~~~~~~

אין ווייניגער ווי א חודש פארן מיר שוין קיין אומאן צום הייליגן רבינ'ס ציון; מיר פאלגן דעם רבי'ן אן קיין חכמות. דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֵעָדֵר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מיין גאנצע זאך איז ראש השנה און עס איז מיר א וואונדער פארוואס מיינע מענטשן וואס גלייבן אין מיר, זאלן נישט רעדן צו אלעמען אז מען זאל קומען צו מיר אויף ראש השנה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דער רבי האט געהייסן אז מען זאל מאכן א כרוז, אז אלע זאלן קומען צו זיין ראש השנה. נאך האט דער רבי געזאגט: "ווער עס קומט צו אים אויף ראש השנה דארף זיין פרייליך א גאנץ יאר"; נו, אז דער רבי האט געזאגט מען זאל קומען צו אים פארן מיר אפילו מיט די גרעסטע מניעות.

ווי מער א מענטש בענקט אוןווארט צו קומען צום רבינ'ס ציון וועט ער ביים סוף אנקומען. אזוי ווי די מעשה וואס איז געווען ביים רבי'ן; דער רבי האט געהאט צוויי מחותנים גרויסע צדיקים, איינער איז געווען הרב הקדוש מוואלטשיסק זכותו יגן עלינו און דער צווייטער מחותן איז געווען הרב הקדוש מחמעלניק זכותו יגן עלינו, דער הייליגער וואלטשיסקער זי"ע האט זייער שטארק געוואלט פארן קיין ארץ ישראל, פערציג יאר האט ער געבענקט, געהאפט און געוואלט אנקומען קיין ארץ ישראל, ער האט אסאך געבעטן און מתפלל געווען אויף דעם, ווען דער חמעלניק'ער רב זי"ע האט דאס געהערט האט ער דאס אוועק געמאכט, זאגנדיג: "אז מען וויל פארן קיין ארץ ישראל וואס דארף מען אזוי פיל בענקען, וועלן, און האפן? וואס דארף מען בכלל דאווענען אויף דעם? מען נעמט געלט און מען פארט!" ווען דער רבי האט דאס געהערט האט דער רבי געזאגט: "איר וועט זען אז דער מחותן דער וואלטשיסקער רב וועט נאך אנקומען קיין ארץ ישראל אבער דער חמעלניק'ער רב וועט נישט אנקומען קיין ארץ ישראל". אזוי איז טאקע געווען; דער וואלטשיסקער רב זי"ע איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל און ער ליגט אינעם צפת'ער בית החיים, ער מיט זיין גאנצע משפחה.

זעט מען פון דעם דאס גרויסקייט פון וועלן, בענקען, ווארטן און האפן צוצוקומען צו קדושה, אז צום סוף איז מען זוכה אנצוקומען צו אלעס וואס מען שטרעבט; אזוי אויך אז מיר שטייען שוין ממש געציילטע וואכן איידערן פארן צום רבי'ן דארפן מיר אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן זוכה זיין צו זיין אין אומאן ביים רבי'ן אויף ראש השנה.

מיר פירן זיך צו זאגן "לדוד ה' אורי" שוין פון מנחה ערב ראש חודש אלול; אינדערפרי זאגן מיר עס נאכן "יום", און ביי מנחה זאגט מען עס תיקף נאך הויכע שמונה עשרה, פאר קדיש תתקבל.

א גוטן טאג.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**זיי אים מחזק ער זאל רחמנות האבן אויף זיינע קינדער.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת ראה, כ"ח מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב זייער הנאה אז דו ביסט מחזק האברך ... נרו יאיר; ער איז א גרויסער רחמנות, ער מיינט אז אויב ער וועט זיך גט'ן וועט אים זיין בעסער. אנשטאט ער זאל תשובה טון און מודה זיין אז ער האט זיך נישט אויפגעפירט ווי מען דארף וכו', לייגט ער דאס גאנצע שילד אויף איר. מיר וויל ער נישט צוהערן, ער האט פארגעסן ווי אזוי ער האט אויסגעזען פאר ער איז אריין געקומען אין ישיבה, ער איז געווען א היימלאזער בחור, ער האט נישט געהאט גארנישט אויף דער וועלט, ער איז געשלאפן אין שול'ן וכו'. איך האב אים אריין גענומען אין ישיבה, איך האב אים געגעבן וואו צו שלאפן, אים חתונה געמאכט, און יעצט טענה'ט ער אז איך פארשטיי אים נישט; אפשר קענסטו רעדן מיט אים ער זאל זיך צוריק קערן צום אייבערשטן, ער זאל רחמנות האבן אויף זיינע קינדער, ווייל מיט דעם וואס ער גייט זיך גט'ן גייט ער הרג'ענען זיינע ליכטיגע קינדער רחמנא לצלן.

א גרויסן יישר כח פארן מיר העלפן צוזאמנעמען געלט מיר זאלן קענען ענדיגן דעם בנין אין אומאן, דער אייבערשטער זאל דיר געבן גרויס שפע בזכות די מצוה פון צדקה.

איך וויל דיר בעטן זאלסט גיין מבקר חולה זיין הבחור ... נרו יאיר; מען האט אים אריין געפירט אין קאלאמביע שפיטאל, ער דארף א גרויסע ישועה, ער געפונט זיך אין נישט א גוטער מצב. גיי אריבער מיט אפאר אינגעלייט און בחורים אים מחי' זיין.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (נדרים לט:): אָמַר רַב: "כָּל הַמְבַקֵּר אֶת הַחוֹלֶה נִיצּוֹל מִדִּינָהּ שֶׁל גֵּיהִנָּם", ווער עס איז מבקר חולה ווערט ניצול פון גיהנום; דער רבי זאגט
~~~~~~~~~~~

(ספר המידות, אות מריבה, סימן לח): "מִי שֶׁמְּבַקֵּר אֶת הַחוֹלֶה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֵינוֹ מוֹסֵר אוֹתוֹ בְּיַד שׂוֹנְאָיו", ווער עס איז מבקר חולים העלפט אים דער אייבערשטער אז קיינער קען אים נישט טון קיין שלעכטס.

דער אייבערשטער זאל העלפן אלע אידישע קינדער וואס ווארטן אויף א רפואה זאלן האבן א גאנצע רפואה.

א גוטן טאג.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**זיין שטארק אין לערנען א דף גמרא יעדן טאג; היינט הייבט מען אן א נייע מסכתא; לערנען אויפן סדר דרך הלימוד געבט די ריכטיגע חיות פארן מענטש.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת שופטים, ב' דראש חודש אלול, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

היינט הייבן מיר אן א נייע מסכתא - "מסכת מנחות"; איך בעט דיר זייער, זע צו לערנען יעדן טאג דעם "דף גמרא".

מוהרא"ש זאגט: "כל זמן א איד בלעטערט דפים גמרא, וועט ער בלייבן א איד"; אפילו דו גייסט אריבער שווערע צייטן, דו ביסט פאריאגט און פארפלאגט, דאך זאלסטו אריין כאפן א דף גמרא. אז מיר זענען מקורב צום רבי'ן דארפן מיר פאלגן דעם רבי'ן, דער רבי שרייבט פאר זיין אײדעם (מכתבי רבינו ז"ל בתחלת ספר עלים לתרופה, מכתב ב): "**בִּקַּשְׁתִּי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמוֹד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מִטָּפֵל עִקָּר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם**"; דער רבי וויל פון אונז נאר תורה, תפילה ויראת שמים.

עס איז באוואוסט אז דער רבי האט געזאגט: "איך האב גענומען דאס גוטס פון די חסידים, און דאס גוטס פון די ליטווישע"; ביי חסידים איז דער עיקר תפילה, ווידעראום ביי די ליטווישע איז דער עיקר תורה, און דער רבי האט גענומען ביידע פאר אן עיקר. ביים רבי'ן איז געווען דער עיקר סיי תורה סיי תפילה, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן רפז): "**מַה יֵּשׁ לְהָאָדָם לַעֲשׂוֹת בְּזֶה הָעוֹלָם, אֵין צָרִיךְ כִּי אִם לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמֹד וּלְהִתְפַּלֵּל**", וואס האט א מענטש צו טון אויף דער וועלט? נאר דאווענען, לערנען און דאווענען; דערפאר האב איך געדארפט מבטל זיין דעם שבת'דיגן שיעור און מאכן דעם
~~~~~~~~~~~

סיום פרייטאג, כדי צו מחזק זיין די אברכים וואס קומען צופרי לערנען דעם דף וואס דאס איז ביי מיר חשוב׳ער פון אלעס.

דערפאר טייערער ליבער..., זע צו לערנען א דף גמרא יעדן טאג. שבת האט מען מסיים געווען מסכת זבחים און היינט הייבט מען אן מסכתא מנחות, בעט איך דיר, כאפ ארויס אפאר מינוט יעדן טאג צו לערנען דעם דף גמרא וואס דאס רייניגט דעם מענטש פון אלעס שלעכטס, אזוי ווי דער רבי זאגט (עיין ליקוטי מוהר"ן, חלק א׳, סימן ריד): ״**תַּלְמוּד** **בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ לִילִית, הַמַּחְטֵאת אֶת הָאָדָם בִּפְגַם הַבְּרִית**״, ווען א מענטש לערנט גמרא פארברענט ער די קליפה וואסווארפט אראפ א מענטש אין פגם הברית.

מיין ליבער ברודער, מיין הארציגער חבר, וואס זאל איך דיר זאגן? עס איז נישט דא עפעס בעסער׳ס ווי דעם רבינ׳ס ׳סדר דרך הלימוד׳; א מענטש וואס זוכט חיות, ער זוכט א געשמאק אינעם טאג טעגליכן לעבן - זאל פאלגן דעם רבי׳ן און לערנען אויפן סדר דרך הלימוד (שיחות הר״ן, סימן עו) וועט אים גוט זיין בזה ובבא.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**מ׳דארף אנגרייטן ספרים און קונטרסים פאר אומאן.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת שופטים, ב׳ דראש חודש אלול, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

וואויל איז דיר אז דו ביסט עוסק אין הדפסה; דו דרוקסט די קונטרסים און ספרים וואס מוהרא״ש האט געשריבן צוזאמגענומען פון רבינ׳ס ספרים און פון ר׳ נתן׳ס ספרים, געשריבן אויף א גרינגע שפראך אז מען זאל דאס פארשטיין און לעבן מיט דעם.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי גרויס איז דיין זכות אין הימל מיט דעם וואס דו דרוקסט די ספרים פאר די מפיצים זיי זאלן דאס קענען פארשפרייטן צווישן אידישע קינדער; דער זוהר הקדוש זאגט (תרומה קכח:): ״א מענטש וואס ברענגט צוריק זינדיגע מענטשן צום אייבערשטן, איז זוכה ארויף צו גיין צו א פלאץ וואס קיין שום מענטש איז נישט זוכה; ער נעמט אוועק טומאה פון דער וועלט, ער מאכט אז דעם אייבערשטנ׳ס נאמען זאל ווערן געהייליגט אויף דער וועלט און ער איז גורם אז אלע וועלטן שטייען אויף זיין זכות. דער מענטש איז זוכה צו אלע גוטע זאכן אויף די וועלט
~~~~~~~~~~~

און אויף יענע וועלט; קיינער קען אים נישט שלעכט'ס טון - נישט אויף די וועלט און נישט אויף יענע וועלט. ער גייט אריין אין דרייצן טויערן פון שערי רחמים און קיינער קען אים נישט צוריק האלטן".

מיט דעם טייטשט דער חיד"א זכותו יגן עלינו (ספר פני דוד) דעם פסוק (דברים טז, כ): "צֶדֶק צֶדֶק תִּרְדֹּף, לְמַעַן תִּחְיֶה וְיָרַשְׁתָּ אֶת הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לָךְ"; זאגט ער "צֶדֶק" - עס איז נישט גענוג אז מען איז אליינס א צדיק, נאר "צֶדֶק תִּרְדֹּף" - מאך נאך צדיקים, "לְמַעַן תִּחְיֶה" - וועסטו זוכה זיין צו חיים נצחיים, דו וועסט נישט אראפפאלן אין עבירות, ווייל (אבות ה, יח): "כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים - אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ"; "וְיָרַשְׁתָּ אֶת הָאָרֶץ" - דו וועסטו זוכה זיין צו האבן עולם הבא, "אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לָךְ" - וואס דער אייבערשטער געבט דיר שוין יעצט 'אויף די וועלט', דורך דעם וואס מען ברענגט צוריק מענטשן צום אייבערשטן איז מען זוכה צו האבן א גוט לעבן, עיין שם.

זע אנצוגרייטן גענוג ספרים און קונטרסים פאר די מפיצים פאר אומאן, ווייל מען פארט שוין אם ירצה ה' אין דריי וואכן ארום קיין אומאן; רעד מיט דעם גרויסן מפיץ ר' ... נרו יאיר, פרעג אים וואסערע ספרים און קונטרסים ער דארף און דו זאלסט עס דרוקן שוין יעצט כדי עס זאל זיין גרייט אין צייט.

אזוי אויך דארף מען דרוקן אלע קונטרסים וואס רעדן זיך פון די מעלה פון 'פארן ראש השנה צו צדיקים'; מיין נישט אז עס פעלט נישט אויס אין אומאן די סארט קונטרסים וכו' וויבאלד אלע זענען שוין סיי ווי אין אומאן, עס איז נישט אזוי, ווייל זייער אסאך מענטשן קומען קיין אומאן און ווייסן נישט וואס זיי האבן צו טון דארט, זיי זוכן א ספר, א קונטרס וואס זאל זיי זאגן וואס צו טון וכו', דעריבער איז עס זייער וויכטיג.

איך בעט דיר זייער דו זאלסט נישט אפשטעלן דאס דרוקן די קונטרסים און ספרים אפילו פאר איין טאג, ווייל דאס איז פיקוח נפש - דאס ראטעוועט צענדליגער טויזנטער מענטשן פון שלעכטס. עס איז כדאי דו זאלסט אביסל שמועסן מיט ר' ... און .., זיי וועלן דיר דערציילן מעשיות ווי די ספרים ראטעווען בחורים און מיידלעך, אינגעלייט און ווייבלעך וכו' וכו' פון די ערגסטע זאכן רחמנא לצלן.

די מפיצים בעטן זייער מען זאל דרוקן עצתו אמונה; זיי זאגן אלע אז אינגעלייט ווארטן אויף דעם, דאס געבט זיי אסאך חיזוק, דעריבער זע צו דרוקן פון דעם.

איך בעט פאר דיר דו זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים, ובעיקר אז דו זאלסט ווייטער ממשיך זיין און חס ושלום נישט אפלאזן די הייליגע ארבעט.

זיי געזונט.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

**התבודדות דערהאלט א מענטש אין די שרעקעדיגסטע מצבים.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת שופטים, ב׳ דראש חודש אלול, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך דאנק דיר פאר אלעס וואס דו העלפסט מיר; איך בענק מיר נאך דיר, נאך צוויי וואכן זענען מיר דא אין קעמפ.

איך וועל דיר דערציילן א מעשה פלא וואס מיר האבן געהאט פאריגע וואך דא אין קעמפ, מיר האבן געהאט א בער, די פאליציי זענען געקומען און האבן אים געשאסן וכו׳ ביז ער איז אוועק געגאנגען. די מעשה איז געווען אזוי, איינע פון די מיידלעך פון ״בית פיגא״ איז געווען צופרי אין פעלד אינדרויסן פון קעמפ, זי האט געהאלטן אינמיטן מאכן התבודדות, פלוצלינג באמערקט זי א שווארצע זאך וואס שאקעלט זיך, קודם האט זי געמיינט אז דאס איז סתם א שווארצע בעג וואס שאקעלט זיך פון די ווינט, זי איז געשטאנען בלויז צוויי פיס אוועק פון דעם, פלוצלינג זעט זי אז דאס איז שוין גארנישט קיין שווארצע בעג, דאס איז א גרויסער בער, דער בער האט זיך אויפגעשטעלט אויף די צוויי פיס און געשטאנען אנטקעגן די מיידל פנים אל פנים! די מיידל האט זיך אבער נישט פארלוירן, זי האט אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן: ״הייליגער באשעפער ראטעווע מיר פון דעם בער, העלף מיר ער זאל מיר גארנישט טון״, זי האט אנגעהויבן גיין צוריק צו ווענס ביז זי איז אריין אין איר שטוב.

אזא מעשה פאסט פאר די מעשה ביכלעך; א יונג מיידל פון צוועלף יאר זאל נישט ווערן פארלוירן ווען זי שטייט צוויי פיס נעבן א גרויסע בער. סתם א קינד וואלט אוועק גע׳חלש׳ט אויפן פלאץ, נישט נאר א קינד נאר אפילו אן ערוואקסענער מענטש וואלט אויך צוטומלט געווארן פון שרעק, און זי איז געבליבן רואיג און געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל איר העלפן; פון דעם זעט מען וואס התבודדות טוט מיט א מענטש, מען באקומט א ישוב הדעת, מען ווערט נישט פארלוירן ווען מען טרעפט זיך אין א צרה.
~~~~~~~~~~

איך וויל דיר בעטן דו זאלסט גיין מבקר חולה זיין .. נרו יאיר; מען האט אים אריין געפירט אין קאלאמביע שפיטאל אין א נישט גוטע מצב, ער דארף א גרויסע ישועה. גיי אריבער מיט אפאר אינגעלייט און בחורים און זייט אים מחי׳. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (נדרים לט:): אָמַר רַב: "כָּל הַמְבַקֵּר אֶת הַחוֹלֶה נִיצּוֹל מְדִינָהּ שֶׁל גֵיהִנָּם", ווער עס איז מבקר חולה ווערט ניצול פון גיהנום; דער רבי זאגט (ספר המידות אות מריבה, סימן לח): "מִי שֶׁמְּבַקֵּר אֶת הַחוֹלֶה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֵינוֹ מוֹסֵר אוֹתוֹ בְּיַד שׂוֹנְאָיו", ווער עס איז מבקר חולים העלפט אים דער אייבערשטער אז קיינער קען אים נישט טון קיין שלעכטס.

... האט יעצט געמאכט א ניגון ווי ער דאנקט דעם אייבערשטן: "איך דאנק דיר באשעפער פאר אלעס וואס דו טוסט מיר מיר, אייביג ביסטו אזוי גוט צו מיר"; ווען מען הערט דעם ניגון ווי אזוי ער זינגט דאס באקומט מען אזא התעוררות לתשובה, דא זינגט א בחור "יישר כח אייבערשטער פאר אלעס גוטס", בשעת ער קען נישט גיין אויף די פיס, ער זיצט שוין אפאר יאר אין א ווילטשעיר, ער קען זיך נישט רירן השם ירחם - דאך זינגט ער: "יישר כח אייבערשטער, פאר אלעס וואס דו טוסט מיט מיר".

מען זעט פון דעם וואס דאס הייסט אז א מענטש ווערט מקורב צום רבי׳ן; דער רבע לערנט אויס מען זאל דאנקען דעם אייבערשטן, און נישט האבן קיין קשיות אויפן אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז אלע אידישע קינדער וואס ווארטן אויף א רפואה זאלן האבן א גאנצע רפואה.

א גוטן טאג.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

**מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר ווייסן פונעם הייליגן רבי׳ן; קיין ייאוש איז נישט פארהאנען.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת שופטים, ב׳ אלול, שנת תשע״ח לפרט קטן לכבוד ... נרו יאיר.

מיר דארפן דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז מיר ווייסן פון הייליגן רבי׳ן. דער רבי איז אונז מחזק אז מיר זאלן זיך קיינמאל נישט מייאש זיין; אפילו מען איז אראפ געפאלן אין א טיפע בלאטע זאל מען נישט אויפגעבן, נאר מען זאל פון דארט שרייען צום אייבערשטן: "רבונו של עולם העלף מיר! נעם מיר ארויס פון מיין בלאטע,
~~~~~~~~~~

איך וויל זיך צוריקקערן צו דיר", וואס וואלטן מיר געטון אנעם רבי'ן, ווי וואלטן מיר געווען ווי וואלטן מיר אויסגעזען?...

עס איז נישט דא אזא זאך ווי 'ייאוש'; דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קיב): "כִּי אֵין שׁוּם טֻמְאָה וְסִטְרָא אָחֳרָא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא יִהְיֶה שָׁם פְּתָחִים לָצֵאת מִשָּׁם", עס איז נישט דא אזא זאך אז מען איז שוין פארפאלן אין א טומאה אן האבן די מעגליכקייט צוריק צו קומען פון דארט, "רַק שֶׁאֵין רוֹאִין אוֹתָן מֵחֲמַת גּוֹדֶל הַחֲשֵׁכוּת שֶׁיֵּשׁ שָׁם", נאר די סיבה פארוואס מען מיינט אז מען איז שוין פארפאלן איז ווייל עס איז טונקל פארן מענטש, דער מענטש זעט נישט דעם וועג ווי אזוי ארויס צו גיין פון דארט, "אֲבָל עַל יְדֵי הָאֱמֶת מֵאִיר לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ, וְיִזְכֶּה לִרְאוֹת וְלִמְצֹא פֶּתַח תִּקְוָה גַּם בְּעֹמֶק נְפִילָתוֹ, לָצֵאת מֵאֲפֵלָה לְאוֹרָה וּלְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת תָּמִיד", אבער אז דער מענטש בעט דעם אייבערשטן מיט אן אמת: **"רבונו של עולם נעם מיר ארויס פון מיינע עבירות, נעם מיר ארויס פון די שלעכטע מעשים וואס איך טו. איך פרוביר אזוי פיל מאל אפצולאזן מיינע שלעכטע מעשים אבער איך האלט אין איין צוריק פאלן, טאטע זיסער, טאטע געטרייער; וואס וועט זיין מיט מיר?! עס גייט אריבער א טאג, א וואך, א חודש און א יאר, איך זינק אלץ טיפער און טיפער אין טומאה, איך בין שוין אזוי שטארק צוגעוואוינט צו טון שלעכטע זאכן, אז איך זע שוין נישט פאר מיר א וועג ארויס צו קריכן פון מיינע בלאטעס - נאר דו קענסט מיר העלפן"**, אזוי איז מען זוכה ארויס צו גיין פון אלע שלעכטע מעשים.

מיר פארן שוין אט אט צום הייליגן רבי'ן; איך האף אז דו וועסט זיך שטארקן אויף אלע מניעות און נישט קוקן אויף קיינעם.

זיי געזונט און שטארק.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**די פארשריט וואס מען מאכט ב"ה ביים נייעם בנין אין אומאן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת שופטים, ב' אלול, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך שיק דיר דא עטליכע בילדער זאלסט זען ווי שנעל מען רוקט זיך ברוך ה' מיטן נייעם בנין.
~~~~~~~~~~~

מ׳לייגט שוין טיילס אין בית מדרש און אינעם חדר האוכל, אזוי אויך אין די בוילער רום.

מ׳ארבעט שוין אויף די בוילערס צו מאכן די טשימעני און מ׳האלט שוין אינמיטן ארויפציען פלאמבינג צו די צווייטע שטאק. מארגן קומט שוין אן די וואסער טאנק.

מ׳ענדיגט יעצט אפליידיגן די פרעימס פון די צווייטע שטאק כדי מען זאל קענען ממשיך זיין צו לייגן ציגל.

יישר כח פאר אלע וואס העלפן ארויס מ׳זאל קענען ענדיגן דעם בנין.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**איבערגיין מיט די ווייב די "פרויען שיעור"; די גרויסע שמחה אז מיר פאלגן דעם רבי׳ן און מיר קומען צו אים אויף ראש השנה; זיך מחזק זיין מיט גוטע חברים זיך צו באנוצן מיט׳ן רבינ׳ס אוצרות; די גרויסע סכנה זיך צו חבר׳ן מיט איינעם וואס לעבט נישט מיטן אייבערשטן; א שלעכטע חבר פארשלעפט צו שלעכטס און צום סוף הרג׳עט ער דיך; דער סימן מיט וועם מען קען זיך יא חבר׳ן.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת שופטים, ג׳ אלול, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האף אז דיין ווייב האט הנאה געהאט פון די נעכטיגע פרויען שיעור; גיי איבער מיט איר דעם שיעור און זייט אייך צוזאמען מחזק מיט די עצות וואס מען לערנט אין היכל הקודש. ביים שיעור האבן מיר אסאך גערעדט פון האבן סבלנות צו קינדער, אז מען זאל נישט מיד ווערן פון איבער זאגן נאכאמאל און נאכאמאל פארן קינד ווי אזוי זיך צו פירן.

עס זינגט זיך שוין: "אומאן, אומאן, ראש השנה!" מיר פרייען זיך אז מיר פארן שוין אין דריי וואכן צום הייליגן רבינ׳ס ציון. מיר פאלגן דעם רבי׳ן בתמימות ובפשיטות; אז דער רבי האט געהייסן קומען קיין אומאן אויף ראש השנה פארן מיר מיט די גרעסטע מסירות נפש.

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר אלע תלמידים וועלן זיין צוזאמען אין אומאן און מיר וועלן זיך מחזק זיין מיט די אוצרות וואס מיר האבן זוכה געווען צו באקומען. אזוי ווי דער רבי האט דערציילט (סיפורי מעשיות מעשה יג, פון די זיבן בעטלערס, דעם ערשטן טאג): דערווייל איז אנגעקומען א גרויסער אדלער, ער האט געקלאפט אויפן טורעם און
~~~~~~~~~~~

געזאגט: "הערט אויף צו זיין ארימעלייט, הייבט זיך אן באנוצן מיט ענקערע אוצרות"; דער רבי האט פאר אונז גאר גוטע עצות ווי אזוי מיר קענען זיין גרויסע עשירים, מיר דארפן נאר האבן גוטע חברים מיט וועם זיך צו מחזק זיין.

א מענטש וואס לעבט נישט מיטן אייבערשטן איז א גרויסע סכנה צו האבן מיט אים א חברותא'שאפט; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן ז'): א מענטש וואס לעבט נישט מיטן אייבערשטן איז ערגער פון א חי', ווייל אז א מענטש לעבט נישט מיט יראת שמים איז ער מסוגל צו הרג'נען א צווייטן, אזוי ווי אברהם אבינו האט געזאגט פאר אבימלך (בראשית כ, יא): "כִּי אָמַרְתִּי רַק אֵין יִרְאַת אֱלֹקִים בַּמָּקוֹם הַזֶּה וַהֲרָגוּנִי", ווייל א מענטש אן יראת שמים איז נישט קיין מענטש.

מוהרא"ש האט אמאל דערציילט א מעשה: דער לייב - דער קעניג פון די חיות - האט זיך אמאל ארויסגעלאזט אויף א שפאציר, ער האט זיך געוואלט אינטערעסירן וואס די חיות טוען. צום ערשט האט ער באגעגנט דעם אייזל, פרעגט ער דעם אייזל: "פארוואס ביסטו אזוי צעבראכן?" האט דער אייזל געענטפערט: "ווייל דער מענטש האלט זיך גרויס אויף מיר; ער לייגט ארויף אויף מיר שווערע זעק און פעק, נאכדעם שלאגט ער מיר מיט א שטעקן איך זאל גיין שנעלער, און אויב גיי איך נישט אזוי שנעל ווי אים כאפ איך ביטערע קלעפ", ווען דער לייב האט דאס געהערט האט ער געטראכט: 'איך מוז זען ווער איז דאס א 'מענטש' וואס גרויסט זיך אויף מיינע חיות'. דער לייב גייט ווייטער, קומט צו גיין צו אים א פערד, פרעגט אים דער לייב: "וואס הערט זיך עפעס?" ענטפערט דער פערד: "נישט גוט", פרעגט דער לייב: "פארוואס?" זאגט דער פערד: "דער מענטש האלט זיך גרויס אויף מיר; ער רייט אויף מיר און שטויסט מיר מיט זיינע אייזערנע שיך איך זאל גיין שנעלער, און אויב גיי איך נישט אזוי שנעל ווי ער וויל כאפ איך אריין פון אים שטארקע קלעפ", ווען דער לייב האט דאס געהערט האט ער געזאגט: 'איך דארף שוין זען ווער איז דאס א 'מענטש' וואס גרויסט זיך אויף מיינע חיות'. ער גייט ווייטער, זעט ער דעם גרויסן קעמל, פרעגט ער דעם קעמל: "וואס הערט זיך עפעס?" ענטפערט דער קעמל: "עס איז מיר זייער ביטער, דער מענטש טראגט מיר אין מדבר מיט א שטריק ארום געבינדן אויף מיין האלז, עס קען אריבער גיין טעג און וואכן וואס איך האב אפילו נישט קיין טראפ וואסער צו טרינקען", האט דער לייב געזאגט: 'איך דארף זען ווער איז דאס א 'מענטש' וואס מאכט ליצנות און געשפעט פון מיינע חיות'. דער לייב גייט ווייטער און זעט א וואלף, דער לייב פרעגט דעם וואלף: "וואס הערט זיך עפעס?" ענטפערט דער וואלף: "נישט גוט", פרעגט דער לייב: "פארוואס?" זאגט דער וואלף: "איך בין געווען זייער הונגעריג, בין איך אריין אין א

חצר עסן, פלוצלינג זענען געקומען צו לויפן מענטשן מיט שטעקענעס און מיר געגעבן מכות רצח, זיי האבן מיר כמעט גע'הרג'ט, די לעצטע מינוט בין איך אנטלאפן פון זיי!" דער לייב ווערט שוין זייער נייגעריג און זאגט: 'איך מוז שוין זען דעם באשעפעניש וואס רופט זיך: 'מענטש' וואס ער האלט זיך גרויס אויף אלע מיינע חיות'. ענדליך טרעפט דער לייב אן דעם פוקס און פרעגט אים: "זאג מיר פוקס, דו ביסט דאך דער קלוגסטער פון אלע חיות, וואס קען מען טון מיט דעם 'מענטש' וואס שפעט פון אלע חיות?" זאגט דער פוקס פארן לייב: "אדוני המלך, דער מענטש איז שטערקער פון אונז אלע!" האט זיך דער לייב אויפגערעגט און געזאגט: "איך וועל טרעפן דעם מענטש און זיך נוקם זיין אין אים איינמאל פאר אלעמאל".

איין טאג גייט דער לייב אין וואלד, פלוצים זעט ער ווי א 'מענטש' קומט צו גיין, פרעגט דער לייב: "ווער ביסטו?" ענטפערט ער: "איך בין א מענטש", פרעגט אים דער לייב: "דו ווילסט זיך פארמעסטן מיט מיר צו זען ווער עס איז שטערקער?" זאג דער מענטש פארן לייב: "איך בין גרייט זיך צו פארמעסטן מיט דיר אבער דו דארפסט מיר דאווארטן, ווייל איך האב איבער געלאזט מיין כח אין שטוב; איך גיי אהיים נעמען מיין כח, וועל איך וועל צוריק קומען וועלן מיר זיך פארמעסטן ווער עס איז שטערקער", זאגט דער לייב: "ערלעדיגט, גיי אהיים און איך ווארט דיך דא", האט זיך דער מענטש אנגערופן צום לייב: "איך האב מורא אז דו וועסט אנטלויפן", זאגט דער לייב: "נע, דארפסט נישט מורא האבן, איך ווארט דיר דא", האט דער מענטש געפרעגט דעם לייב: "ביסטו מסכים אז איך זאל דיר צובינדן צום בוים אז דו זאלסט נישט קענען אנטלויפן?" זאגט דער לייב: "יא"; האט דער מענטש ארום געבינדן דעם לייב און אים דערלאנגט מכות רצח ביז ער האט אים דער'הרג'ט...

דעריבער דארף מען זייער אכטונג געבן מיט וועם מען חבר'ט זיך, כדי מען זאל נישט האבן אזא פנים ווי דער לייב האט געהאט ביים סוף.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן פ): "בְּנֵי אָדָם יֵשׁ לָהֶם כֹּחַ לִמְנֹעַ וּלְהָסִית אֶת הָאָדָם לְרַחֲקוֹ מֵעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא וּמִצַּדִּיקֵי אֱמֶת - יוֹתֵר מִן הַיֵּצֶר הָרָע", א שלעכטע חבר האט א כח אוועק צו נעמען דעם מענטש פונעם אייבערשטן און פון אמת'ע צדיקים מער ווי דער יצר הרע; דערפאר דארף מען זייער אכטונג געבן מיט וועם מען חבר'ט זיך.

אז דו הערסט איינעם רעדן ניבול פה זאלסטו אנטלויפן פון אים; אז איינער שיקט דיר שלעכטע מעסידזשעס און שלעכטע בילדער זאלסטו זיך היטן פון יענעם ווי פון

פייער, ווייל ער וועט דיר צו נעמען די וועלט און יענע וועלט, ער וועט דיר בינדן אזוי ווי יענער האט געבינדן דעם לייב און אים גע'הרג'ט.

חבר דיך מיט די וואס רעדן איידל און ריין, חבר דיר מיט חברים אין היכל הקודש וואס האבן אמונת חכמים, זיי לאכן נישט אפ פון א צווייטן, זיי מאכן נישט אוועק יעדן איינעם וכו', ביי וועם א ווארט פון רבי'ן איז קודש קדשים, א דיבור פון ר' נתן איז הייליג און יעדעס ווארט וואס מוהרא"ש האט אונז געזאגט איז אמת ויציב.

שרייב מיר צוריק - וועסטו מיר מחי' זיין; איך ווארט צו הערן פון דיר.

איך דארף אריין לויפן צו די בחורים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

**א זכי' צו משמש זיין דעם רבי'ן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת שופטים, ג' אלול, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערע תלמיד ... נרו יאיר.**

איך האב יעצט ערהאלטן די בילדער פון די נייע אפיס וואס דו האסט געמאכט פאר די מוסד.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואספארא זכות דאס איז פאר אונז, אז מיר האבן די זכיה צו משמש זיין דעם הייליגן רבי'ן.

ר' נתן האט זיך אמאל אפגעשטעלט פאר ער איז אריין אין רבינ'ס שטוב און געזאגט: "וַאֲנִי" - איך ווייס דאך ווער איך בין, איך ווייס אז איך האב נישט קיין זכות צו זיין מקורב צום הייליגן רבי'ן, אויב אזוי פארוואס האב איך זוכה געווען צו וויסן פון רבי'ן? נאר וואס דען, "בְּרֹב חַסְדְּךָ" - מיט דיין גרויסע חסד האסטו מיר געהאלפן באשעפער, אז "אָבוֹא בֵיתֶךָ, אֶשְׁתַּחֲוֶה אֶל הֵיכַל קָדְשְׁךָ".

דאס דארפן מיר אויך זאגן: "וַאֲנִי", וואס האב איך זוכה געווען צו קומען צו אזא רבי, צו משמש זיין דעם רבי'ן, צו האבן א חלק אין אריין ברענגען דעם הייליגן רבינ'ס לימודים אין די וועלט וואס דאס וועט ברענגען די גאולה, וואס האב איך געטון מער פון א צווייטן אז איך בין מקורב געווארן צום רבי'ן, ווי אזוי איז דאס אז איך בין נישט
~~~~~~~~~~

קיין מתנגד - ה' ירחם - אויף אזא רבי? נאר "בְּרֹב חַסְדְּךָ" - מיט דיין גרויס חסד האסטו מיר געהאלפן, אז "אָבוֹא בֵיתֶךָ, אֶשְׁתַּחֲוֶה אֶל הֵיכַל קָדְשְׁךָ".

מיט דעם וואס דו העלפסט די מוסד נעמסטו א טייל אין די תורה תפילה און אלע גוטע זאכן וואס קומט ארויס פון דעם הייליגן פלאץ.

זיי געזונט.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**אכטונג געבן נישט צו רעדן און נישט צו הערן ניבול פה; א ברסלב'ער חסיד טראגט א גרויסע אחריות.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת שופטים, ד' אלול, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

רעד נישט קיין ניבול פה און אזוי אויך זאלסטו זיך נישט חבר'ן מיט איינעם וואס האט א לויזע מויל. ווייל אפילו מען רעדט נישט קיין ניבול פה, מען הערט נאר ווי איינער רעדט ניבול פה און מען שווייגט - איז דאס אזוי ווי מען רעדט אליינס ניבול פה און מען באקומט אויף דעם א גרויסן עונש; אזוי זאגט דער רבי (ספר המידות, אות ניבול פה, סימן ד): "הַמְנַבֵּל פִּיו, מַעֲמִיקִין לוֹ גֵּיהִנּוֹם", ווער עס רעדט ניבול פה מאכט מען אים טיף זיין גיהנום, "גַּם לַשּׁוֹמֵעַ וְשׁוֹתֵק", און אויך פאר דעם וואס הערט ניבול פה און ער זאגט גארנישט.

דו טראגסט א גרויסע אחריות; דו טראגסט אויף דיר דעם רבינ'ס נאמען און מענטשן קוקן אויף דיר ווי אזוי דו פירסט זיך. דער רבי זאגט (ספר המידות, אות צדיק, סימן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", ווער עס האט ליב דעם צדיק דארף אכטונג געבן עס זאל נישט ארויס גיין קיין שלעכטע נאמען אויפן צדיק.

איך האף אז דו וועסט אננעמען מיינע ווערטער.

דער אייבערשטער זאל אונז אפהיטן פון אלעם שלעכטס.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**זיין זייער פריילין דורכאויס שבת; אין די ימי הרחמים והרצון איז די עצה אלעס צו פארעכטן דורך זיין פריילין שבת.**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת שופטים, ו' אלול, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך בעט דיר זייער דו זאלסט זיין זייער פריילין דורכאויס שבת; טאנץ און שפרינג פון שמחה א גאנץ שבת. דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת, כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", מען דארף זיין זייער פריילין שבת, "וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה'", שבת טאר מען נישט ווייזן קיין שום עצבות, מען דארף ארום גיין א גאנצן צייט מיט א שמייכל; דער ס"מ ווייסט אז שבת איז א צייט וואס א מענטש קען זיך צוקלעבן צום אייבערשטן, דערפאר מאכט ער אז עס זאל זיין מחלוקת אין אידישע שטובער צווישן מאן און ווייב, מען צעאמפערט זיך צוליב שטותים והבלים, אזוי ארום גייט מען אריין אין שבת קודש צעקריגטערהייט.

מיר שטייען יעצט דעם צווייטן שבת אין חודש אלול; אז מיר וועלן זיין פריילין שבת וועלן מיר אלעס פארעכטן, אזוי ווי חכמינו הקדושים זאגן (מדרש תנחומא בראשית, סימן ג): "עוֹנֶג שַׁבָּת כְּאֶלֶף תַּעֲנִיּוֹת", ווען א מענטש איז פריילין שבת, ער האט הנאה פונעם עסן, טרינקען און אזוי ווייטער - ווערט דאס גערעכנט אזוי ווי ער וואלט געפאסט טויזנט תעניתים.

מיר שטייען יעצט אין חודש אלול, אין די ימי הרחמים והרצון, טעג פון תשובה און תיקון המעשים, מיר האבן נישט קיין כח צו פאסטן אויף די עבירות וואס מיר דארפן אלץ מתקן זיין, מיר האבן קוים כח צו פאסטן די תעניתים וואס מיר דארפן פאסטן, ווי קענען מיר אנהייבן טראכטן פון פאסטן אויף וואס מיר דארפן פארעכטן?! אבער אז מיר וועלן זיין פריילין א גאנץ שבת וועלן מיר אלעס פארעכטן.

א פריילעכן שבת!

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

**פארוואס שטייט נישט אויף די מצבה פון מוהרא״ש זי״ע זיין טאטנ׳ס נאמען?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב געוואלט פרעגן פארוואס אויף די מציבה פון מוהרא"ש זי"ע שטייט נישט זיין טאטנ'ס נאמען, איך מיין אז ס'איז נישטא נאך אזא זאך אין די וועלט. איך ווארט אויף א קלארע הסבר, יישר כח.

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת ראה, כ״ד מנחם-אב, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מוהרא״ש שרייבט אין זיין צוואה (צוואת מוהרא״ש, סימן ה): ״וּכְמוֹ בַּחַיִּים חַיּוּתִי נִתְעוֹרְרוּ עַל יְדֵי אֲנָשִׁים בִּתְשׁוּבָה״, אזוי ווי ווען איך האב געלעבט זענען דורך מיר נתעורר געווארן מענטשן תשובה צו טון, ״כְּמוֹ כֵּן עַכְשָׁיו לְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתִי לְעֵילָא כְּשֶׁיָּבוֹאִי אֶל קִבְרִי יִתְעוֹרְרוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה״, אזוי אויך נאכדעם וואס איך וועל אוועק גיין פון דער וועלט, ווען מען וועט קומען צו מיין קבר, וועט מען אויך נתעורר ווערן צו תשובה טון, ״וְיַמְשִׁיכוּ לְעַצְמָם יְשׁוּעוֹת וּפְלָאוֹת בְּעֶזְרָתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְאֶהְיֶה לָהֶם לְמֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּשָּׁמַיִם, וְלֹא אָנוּחַ וְלֹא אֶשְׁקוֹט עַד שֶׁיִּהְיֶה לְמִי שֶׁבָּא אֶל קִבְרִי לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמוֹד יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה מִן הַשָּׁמַיִם״, און איך וועל נישט רוען ביז איך וועל פועל׳ן פאר דעם מענטש וואס איז געקומען צו מיר א ישועה.

די מציאות איז ממש אזוי, ווען מען קומט קיין יבניאל צום ציון פון מוהרא״ש כאפט אן פארן מענטש א מורא׳דיגע התעוררות תשובה צו טון, בפרט ווען מען ליינט די נוסח המצבה וואס מוהרא״ש האט אליינס געשריבן (איך בין דיר דא מעתיק דעם כתב יד פונעם נוסח המצבה):


פה נטמן
החסיד האמיתי עובד ה' בתמימות ובפשיטות,
מסר נפשו אליו יתברך בכל יום ויום, מיום
עמדו על דעתו, וסבל יסורים קשים ומרים
כל ימי חייו, רבים השיב מעוון וקירבם אליו
יתברך. העמיד תלמידים רבים. יראי ה' וחושבי שמו
בעל המחבר ספרי שו"ת אשר בנחל
וספר שפת הנחל פירוש נפלא על ספר
הקדוש והנורא ליקוטי מוהר"ן לרבינו הקדוש
איש אלקים עיר וקדיש מן שמיא נחית בוצינא
קדישא רבי נחמן מברסלב זיע"א
וקיבץ וליקט ספרים רבים ונכבדים מדברי תלמידו
הקדוש והנורא אשר כל רז לא אניס ליה רבי
נתן מברסלב זי"ע והפיצם בכל קצווי תבל,
ובפרט הקונטרסים המפורסמים שהחיו אלפים
ורבבות נשמות ישראל וחיזקו אותם לחזור בתשובה
אליעזר שלמה שם יהודי קדוש
נפטר ביום... לסדר... לחודש... התש...
ת.נ.צ.ב.ה.

"פֹּה נִטְמַן", דָא לִיגְט, "הַחָסִיד הָאֲמִתִּי, עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת", אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, "מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ", עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַאְרְן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פוּן וֶוען עֶר אִיז גְרוֹיס גֶעוָוארְן, "וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו", עֶר הָאט גֶעלִיטְן שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע יִסּוּרִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, "רַבִּים הֵשִׁיב

מֵעָוֹן וְקֵירְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ וכו' וכו'", אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאט עֶר מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה גֶעוֶוען און זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פִּילֶע תַּלְמִידִים עֶרְלִיכֶע אִידְן און יִרְאֵי ה'.

ווען מען ליינט דעם שטיקל מציבה כאפט אן מורא'דיגע התעוררות לתשובה; מען דערמאנט זיך וואס מוהרא"ש איז אריבער אין זיין לעבן, און ווי ער האט זיך זיין גאנץ לעבן מוסר נפש געווען פאר אידישע קינדער, נאכדעם ווען מען הייבט אן ליינען די מצבה: "דָא לִיגְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וכו'", הייבט מען אן בעטן דעם אייבערשטן: "רבונו של עולם, איך וויל אויך זיין אן ערליכער איד, איך וויל דיר אויך דינען בתמימות ופשיטות", ווייטער ליינט מען: "סָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן"; מוהרא"ש האט נישט געהאט קיין איין גוטן טאג אין זיין לעבן, נאר צרות און יסורים וואס ער האט געהאט אויסצושטיין מבית ומבחוץ, אזוי ווי מוהרא"ש שרייבט אין די צוואה (סימן יד): "לֹא הָיָה לִי יוֹם אֶחָד טוֹב בְּזֶה הָעוֹלָם - בְּלִי שׁוּם גֻּזְמָא כְּלָל", איך האב נישט געהאט אין מיין גאנצן לעבן קיין איין גוטן טאג - אן קיין גוזמא, "וּמַמָּשׁ בָּכִיתִי בְּכָל יוֹם וָיוֹם מֵרוֹב צַעַר וְעָגְמַת נֶפֶשׁ שֶׁסְּבָבוּנִי מִבַּיִת וּמִחוּץ", איך האב יעדן טאג געוויינט צום אייבערשטן צוליב מיינע צרות און יסורים וואס איך האב געהאט פון דרויסנדיגע מענטשן און פון מיין אייגענע שטוב וכו'; מיט דעם אלעם האט מען דאס קיינמאל נישט געקענט אנזעהן אויף מוהרא"ש פון אינדרויסן, אדרבה, ווען מוהרא"ש האט געזען א אינגערמאן אדער א בחור וואס איז נישט פרייליך פלעגט ער אים פרייליך מאכן, אזוי ווי עס שטייט ווייטער אין די נוסח המציבה: "רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן", ער האט עוסק געווען נאר צוריק צו ברענגען אידישע קינדער צום אייבערשטן.

דער עיקר וואס מיר דארפן זען איז זיך צו לערנען פון מוהרא"ש און גיין אין זיינע וועגן, זיין פרייליך און פרייליך מאכן אנדערע; עוסק זיין אין הפצה - פארשפרייטן פאר די גאנצע וועלט די זיסע עצות פון רבי'ן און אריין ברענגען אין די גאנצע וועלט די ריינע אמונה אינעם אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן לעבן מיטן תכלית, מיר זאלן געדענקען אז איין טאג וועלן מיר אהיים גיין צום אייבערשטן, דעמאלט וועלן מיר גארנישט מיט נעמען מיט זיך נאר דאס ביסל תורה ותפילה וואס מיר זענען זוכה אריין צו כאפן יעדן טאג.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**מיינע עלטערן לאזן מיר נישט האבן קיין אינטערנעט, וואס טו איך?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א בחור פון 17 יאר, מיינע עלטערן פלעגן האבן אין שטוב אפענע אינטערנעט, און דאס האט מיר געברענגט צו זען און קוקן דארט דאס ערגסטע. צוביסלעך זענען זיי קלוגער געווארן און האבן אפגעשפארט די אינטערנעט, אבער זיי האבן מיר געלאזט האבן א טעבלעט וואס האט געהאט א שטיקל פילטער, יעצט האט א געוויסער מחנך זיי אויפגעקלערט אז דאס איז אויך נישט גוט, און זיי האבן מיר אלעס אוועקגענומען.

איך שפיר אז איך קען נישט זיין אינגאנצן אפגעהאקט פון די וועלט, איך בעט זיך ביי זיי אז איך וויל ווייטער האבן א טעבלעט מיט א גוטע פילטער, דא אין ארץ ישראל רופט מען עס "אינטרנט רימון", מ'קען מיט דעם זען נאר אימעילס, היימישע סייטס, און כשר'ע געפילטערע יוטוב, מיינע עלטערן ווילן מיר אבער דאס נישט נאכגעבן.

יעצט, מיינע עלטערן פארלאזן זיך אויף אייך, און דעריבער ווענד איך זיך צו אייך, אפשר שרייבט איר פאר מיר און פאר מיינע עלטערן וואס איז די ריכטיגע וועג צו האנדלען אין דעם מצב.

א גרויסן יישר כח פאר אלע אייערע שיעורים וואס איז ממש מיין לעבן.

ישראל

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת ראה, כ״ד מנחם-אב, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ישראל נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו בעטסט מיר איך זאל שרייבן פאר דיינע עלטערן א בריוו אז זיי זאלן דיר לאזן האבן אינטערנעט; וואס זאך איך דיר זאגן, ווען דו זאלסט הערן וויפיל פראבלעמען דער אינטערנעט איז גורם וואלסטו נישט געבעטן מען זאל דיר עס לאזן האבן. אינטערנעט איז א גרויסע צרה פאר אונזער דור, דאס האט שוין חרוב געמאכט זייער אסאך אידישע שטובער; הונדערטער שטובער זענען שוין צעטיילט געווארן צוליב דעם.

וואס זאל איך דיר זאגן, דער ס״מ האט זיך געטראפן א גרינגע וועג ווי אזוי ער קען אראפ ווארפן אידישע קינדער, בחורים און מיידלעך, גרינגערהייט; אנשטאט דארפן ארבעטן טאג און נאכט זיי צו שלעפן אויף נישט גוטע פלעצער, האט ער היינט א גרינגע
~~~~~~~~~~~

וועג. ער רעדט צו א בחור צו קויפן א סמארט-פאון אדער א טעבלעט וכדומה לזה, און ער דארף שוין מער נישט ארבעטן אים צוצורעדן צו עבירות, דער בחור דארף שוין נישט גיין אין ערגעץ, ער זיצט ביי זיך באהאלטן און קוקט אלע שמוץ וואס איז פארהאן אויף די וועלט רחמנא לצלן.

נאך אביסל וועסטו זוכה זיין צו טרעפן דיין שידוך, דו וועסט אם ירצה ה׳ חתונה האבן און אויפשטעלן א שטוב, אלס א טאטע וועסטו דארפן זיין א דוגמא פאר דיינע קינדער, ווי אזוי וועסטו קענען אריין לייגן אין דיינע קינדער יראת שמים אז דו אליינס זיצט טאג און נאכט אויפן אינטערנעט?! איך בעט דיר זייער ווארף אוועק דיין סמארט-פאון, דאס איז נישט קיין גוטע זאך און עס וועט דיר נישט ברענגען קיין גוטס.

אז מען קוקט שמוציגע זאכן ווערט מען אויסגעריסן אויך פון דער וועלט; דער יצר הרע רוט נישט ווי לאנג ער רייסט אויס דעם מענטש סיי פון דער וועלט און סיי פון יענע וועלט.

ר׳ אברהם בן ר׳ נחמן האט געזאגט: ״דער ס״מ וויל נישט צונעמען פונעם מענטש בלויז זיין רוחניות, ער וויל אים אויך צונעמען זיין גשמיות - זיין לעבן אויף דער וועלט, ער וויל אים הרג׳ענען אינגאנצן״; דאס פאסירט אז מען קוקט שמוץ רחמנא לצלן, מען פארלירט דעם מח, און אז מען האט נישט קיין מח האט מען גארנישט, פרעג איך דיר: ״צו וואס דארפסטו דעם צרה?!״

דאס וואס דו שפירסט אז דו ביסט אפגעהאקט פון די וועלט; וויסן זאלסטו אז עס איז נישט אזוי, אמת, יעצט איז דיר שווער צו זיין אן דעם ווייל דו דארפסט זיך צוגעוואוינען צו לעבן אין ווירקלעכקייט, די אלע כלים נעמען דאך אוועק דעם מח פונעם מענטש פון לעבן מיטן מציאות וכו׳, אבער באמת איז מען בכלל נישט אפגעהאקט פון דער וועלט; דער וואס האט נישט קיין אינטערנעט איז נישט אפגעהאקט פון דער וועלט, טויזנטער ערליכע אידן יראים ושלמים לעבן זייער א שיינע לעבן און ציען אויף ערליכע דורות אן דעם וואס זיי האבן א וועג צום אינטערנעט.

אין דעם זכות וואס דו וועסט זיין אפגעהיטן און מאכן א נחת רוח פאר דיינע עלטערן וועסטו טרעפן א גוטע שידוך, אן ערליכע מיידל און איר וועט צוזאמען אויפשטעלן א שיינע שטוב און זען נחת פון ענקערע קינדער.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**ווי אזוי קענט איר זאגן אז מ'טאר זיך נישט אויסרעדן פאר א חבר?**

## שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן יישר כח פאר אייערע דרשות און חיזוק מיט וואס איך בין זיך זייער מחיה, דער אייבערשטער זאל אייך געבן ווייטער כח אנצוגיין.

איך האב געהערט אסאך מאל ביי אייערע דרשות, ווי אויך געליינט אין די בריוו, אז א מענטש זאל קיינמאל נישט דערציילן פאר א חבר און פאר קיינעם נישט זיינע עבירות און שוואכקייטן אין אידישקייט, ער זאל עס נאר דערציילן פאר אייבערשטן אליין.

דאס זעט מיר אבער אויס צו זיין א סתירה צו דעם וואס דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע שרייבט אין צעטל קטן (סעיף י"ג) אז מ'זאל יא נעמען א באגלייבטער חבר און אים דערציילן אלע שלעכטע זאכן וואס ער טראכט. וזה לשון קדשו: **"לְסַפֵּר בְּכָל פַּעַם לִפְנֵי הַמּוֹרֶה לוֹ דֶּרֶךְ הַשֵּׁם וַאֲפִילוּ לִפְנֵי חָבֵר נֶאֱמָן כָּל הַמַּחְשָׁבוֹת וְהִרְהוּרִים רָעִים אֲשֶׁר הֵם נֶגֶד תּוֹרָתֵינוּ הַקְּדוֹשָׁה אֲשֶׁר הַיֵּצֶר הָרָע מַעֲלֶה אוֹתָן עַל מוֹחוֹ וְלִבּוֹ הֵן בִּשְׁעַת תּוֹרָה וּתְפִלָּה הֵן בְּשָׁכְבוֹ עַל מִטָּתוֹ וְהֵן בְּאֶמְצַע הַיּוֹם וְלֹא יַעֲלִים שׁוּם דָּבָר מֵחֲמַת הַבּוּשָׁה, וְנִמְצָא עַל יְדֵי סִיפּוּר הַדְּבָרִים שֶׁמּוֹצִיא מִכֹּחַ אֶל הַפּוֹעַל מְשַׁבֵּר אֶת כֹּחַ הַיֵּצֶר הָרָע שֶׁלֹּא יוּכַל לְהִתְגַּבֵּר עָלָיו כָּל כָּךְ בְּפַּעַם אַחֶרֶת חוּץ עֵצָה הַטּוֹבָה אֲשֶׁר יוּכַל לְקַבֵּל מֵחֲבֵירוֹ שֶׁהוּא דֶּרֶךְ הַשֵּׁם וְהוּא סְגוּלָּה נִפְלָאָה".**

איך האף אז איר וועט מיר דאס פארענטפערן, ווייל דאס איז מיר זייער וויכטיג צו וויסן.

יישר כח, אברהם

## תשובה:

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת שופטים, ג' אלול, שנת תשע"ח לפרט קטן

לכבוד אברהם נרו יאיר.

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מען דארף זייער אכטונג געבן נישט צו פארפלאנטערט ווערן מיט די פלאנטער וואס רופט זיך "חברים", און מען דארף שטענדיג געדענקען אז 'א מענטש האט קיינעם נישט אויף דער וועלט, נאר דעם אייבערשטן'; אזוי ווי מוהרא"ש שרייבט אין די צוואה (אות ט): "זִכְרוּ הֵיטִיב וְתִיַּשְּׁבוּ עַצְמְכֶם וְאָז תִּרְאוּ כִּי שָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם, וְהַכֹּל הֶבֶל הֲבָלִים", געדענקט גוט און נעמט דאס גוט אריין אין אייער קאפ, אז איר האט קיינעם נישט אויף דער וועלט, עס איז א שאד זיך צו פארלאזן אויף מענטשן, "אַף אֶחָד לֹא יָכוֹל לַעֲזוֹר לָכֶם, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְהַזִּיק לָכֶם", קיינער קען אייך נישט העלפן און זיכער נישט שלעכטס טון, "וְעַל כֵּן אַל תִּירָאוּ וְאַל תֵּחַתּוּ מִשּׁוּם בְּרִיָּה שֶׁבָּעוֹלָם, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁאַל
~~~~~~~~~~~

תַּחֲנִיפוּ אֶת שׁוּם בְּרִיָּה, כִּי לֹא יוֹעִיל כְּלָל, אֶלָּא עוֹד יַזִּיק לָכֶם בִּבְרִיאוּתְכֶם", דעריבער זאלט איר נישט מורא האבן פון קיין שום מענטש און איר זאלט זיך נישט חנפ'נען קיינעם, ווייל דאס וועט אייך גארנישט העלפן, פארקערט דאס וועט אייך שאטן צום געזונט, "כִּי כְּשֶׁאָדָם שָׂם בִּטְחוֹנוֹ בְּבָשָׂר וָדָם, וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁאֵינוֹ נַעֲשָׂה כִּרְצוֹנוֹ אֲזַי בָּא לִידֵי אַכְזָבוֹת גְּדוֹלוֹת עַד מְאֹד, וְנִשְׁבָּר לְגַמְרֵי, וְנוֹפֵל רוּחוֹ, וְנֶחֱלַשׁ דַּעְתּוֹ", ווייל ווען מען פארלאזט זיך אויף מענטשן און דערנאך זעט מען אז יענער איז נישט אינטערעסירט דיר צו העלפן און ער קען דיר נישט העלפן, דאן ווערט מען זייער אנטוישט און זייער צעבראכן, "אֲבָל בָּזֶה שֶׁמַּכְנִיסִים אֶת עַצְמוֹ לְגַמְרֵי בֶּאֱמוּנָה פְּשׁוּטָה בּוֹ יִתְבָּרַךְ, אָז מַצְלִיחִים בְּכָל הָעִנְיָנִים, כִּי אֵינוֹ חוֹנֵף לְשׁוּם בְּרִיָּה, וְכֵן אֵינוֹ מִתְיָרֵא מִשּׁוּם בְּרִיָּה, וְחַי אֶת הַחַיִּים שֶׁלּוֹ", אבער אז מען גלייבט אינעם אייבערשטער און מען פארלאזט זיך אויף אים - איז מען זייער מצליח, עיין שם.

דאס האט מוהרא"ש גע'חזר'ט מיט אונז זיין גאנץ לעבן, אז מיר זאלן זיך אריין נעמען אין קאפ אז מיר האבן קיינעם נישט אויף דער וועלט - נאר דעם אייבערשטן.

דאס וואס דער הייליגער רבי ר' אלימלך זכותו יגן עלינו זאגט (צעטל קטן, סימן יג): "לְסַפֵּר בְּכָל פַּעַם לִפְנֵי הַמּוֹרֶה לוֹ דֶּרֶךְ הַשֵּׁם, וַאֲפִילוּ לִפְנֵי חָבֵר נֶאֱמָן - כָּל הַמַּחְשָׁבוֹת וְהִרְהוּרִים רָעִים אֲשֶׁר הֵם נֶגֶד תּוֹרָתֵינוּ הַקְּדוֹשָׁה וכו'", מען זאל דערציילן פאר א רבי אדער פאר א באגלייבטער חבר אלע שלעכטע מחשבות וואס איז אנטקעגן די תורה, און נעמען פון אים אן עצה וכו' - דאס איז נישט קיין סתירה צו דאס וואס מוהרא"ש פלעגט אונז מזהיר זיין אז מיר זאלן נישט דערציילן פאר קיינעם וואס מען האט געטון וכו', דער הייליגער רבי אלימלך זי"ע מיינט א 'חבר', אזוי ווי דער רמב"ם זאגט (בפירוש המשניות מסכת דמאי ב, ג): "'חָבֵר' - נִקְרָא תַּלְמִיד חָכָם, וְכֵן יִקְרְאוּ לְתַלְמִידֵי חֲכָמִים 'חֲבֵרִים'", אין משניות און אין גמרא רופט מען אן א תלמיד חכם מיטן נאמען 'חבר' און תלמידי חכמים - 'חברים', פארוואס רופט מען זיי אן מיטן נאמען 'חברים'? "כִּי חֶבְרָתָם זֶה לָזֶה חֶבְרָה נֶאֱמָנָה, כִּי הִיא חֶבְרָה לְשֵׁם שָׁמַיִם", דוקא א תלמיד חכם אן ערליכער איד איז א ריכטיגער חבר נאמן, אבער סתם מענטשן זענען נישט קיין חברים; אן ערליכער איד וועט דיר העלפן מיט עצות, ער וועט דיר מחזק זיין דו זאלסט זיך צוריקקערן צום אייבערשטן, אבער פון סתם מענטשן דארף מען זיך זייער היטן.

די בעסטע זאך איז מען זאל דערציילן אלעס וואס מען האט געטון פארן אייבערשטן, אזוי ווי דער רמב"ם זאגט (פרק א מהלכות תשובה, הלכה א): יעדע מצוה אין די תורה, סיי א מצות עשה סיי א מצות לא תעשה, אויב מען האט עובר געווען אויף איינע פון די מצוות, בשוגג אדער במזיד; ווען מען טוט תשובה, דארף מען זיך מתודה זיין

צום אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין די תורה (במדבר ה, ז): "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ"; ווי אזוי איז מען זיך מתודה? זאגט דער רמב"ם, מען זאל אזוי זאגן: "אָנָּא הַשֵּׁם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כָּךְ וָכָךְ, וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", איך בעט דיר אייבערשטער, איך האב געזינדיגט פאר דיר, איך האב געטון די און די עבירה, און איך האב חרטה אויף וואס איך האב געטון, איך שעם זיך מיט מיינע מעשים וואס איך האב געטון און איך נעם זיך פאר אז איך גיי עס מער קיינמאל נישט טון; דאס איז וידוי, "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה - הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", און ווער עס פארמערט זיך צו מתוודה זיין פארן אייבערשטן, דער איז געלויבט.

אבער אין א פאל וואס א מענטש שפירט אז ער דארף צו איינעם רעדן, צוליב דעם וואס ער גייט אריבער שווערע צייטן; ער האט אין זיך שולד געפילן פון שלעכטע מעשים וכו' און ער שפירט ווי ער מוז דאס פאר איינעם דערציילן, זאל ער זוכן דוקא אן ערליכער איד, איינער וואס איז דבוק צום אייבערשטן און צו די תורה, און פון אים נעמען אן עצה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

### שלעכטע זאכן פון אלס בחור, לויפן מיר נאך אלס אינגערמאן.

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן יישר כח פאר אלע חיזוק, עצות און הדרכה וואס איך באקום פון אייך ווי אזוי אנצוגיין מיט מיין טאג טעגליכן לעבן.

איך האב חתונה געהאט מיט עטליכע יאר צוריק, איך האב שוין ב"ה דריי זיסע קינדערלעך, די שלום בית איז אויך ב"ה פיין. מיין פראבלעם איז אבער אז ווען איך בין אלט געווען זעכצן יאר האט זיך אין מיר אנגעטשעפעט אן עלטערער בחור און געטון מיט מיר כל דבר אסור, און זייט דעמאלט קען איך נישט אויפהערן טראכטן פון שמוציגע און שלעכטע זאכן רחמנא ליצלן.

איך האב געמיינט אז נאך די חתונה וועט זיך עס אויפהערן, למעשה איז אבער נישט געווען אזוי. דאס מאכט מיין לעבן זייער דעפרעסט, און איך קען נישט אזוי אנגיין. איך האף דער ראש ישיבה שליט"א וועט
~~~~~~~~~~~

מיר קענען געבן עצה און הדרכה ווי אזוי פטור צו ווערן פון די שלעכטע זאכן, און האבן א רואיגע שיינע לעבן מיט מיין ווייב און קינדער.

א גרויסן יישר כח, יצחק

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת שופטים, ג׳ אלול, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד יצחק נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך בעט דיר זייער דו זאלסט זיך שטארקן מיט די עצות פון הייליגן רבי׳ן, דאס איז די איינציגסטע רפואה ווי אזוי מען קען זיך אויסהיילן פון אלע עבירות.

דער רבי האט דערציילט (ספורי מעשיות, מעשה יג פון די זיבן בעטלערס - דעם לעצטן טאג): עס איז געווען א שלעכטע קעניג וואס האט פארכאפט א בת מלכה און זי איז אנטלאפן פונעם קעניג, האט דער קעניג ארויסגעשיקט זיינע באדינער מען זאל זוכן וואו זי איז, ביז מען האט איר געטראפן זיך דרייען ביי א שלאס פון וואסער. איז דער קעניג געגאנגען צום וואסעריגן פעסטונג מיט זיין מיליטער איר כאפן, ווען די בת מלכה האט געזען דעם מלך האכזר האט זי געטראכט: ׳ענדערש וועל איך אריין לויפן אינעם שלאס פון וואסער און דערטראנקען ווערן ווי איידער אנצוקומען צום מלך האכזר׳, ווען דער קעניג האט געזען ווי זי לויפט אריין אין די וואסערדיגע פאלאץ האט דער קעניג געהייסן מען זאל איר שיסן מיט אלע סארט פיילן וואס איז געווען באשמירט מיט אלע סארט סמ׳ען, מען האט איר געשאסן מיט די פיילן וואס זענען געווען אנגעשמירט מיט טויטליכע סם, איז די בת מלכה אראפ געפאלן חלשות, האט דער רבי אויסגעפירט: ״אוּן אִיך הֵייל זִי״.

דער מלך האכזר - דאס איז דער יצר הרע וואס זוכט צו פארכאפן אידישע קינדער וואס זענען דעם אייבערשטענס קינדער; ער איז מכשיל א מענטש מיט עבירות רחמנא לצלן ביז דער מענטש פאלט חלשות, מען ווערט צעבראכן ביי זיך און מען געבט אויף. קומט דער הייליגער רבי און זאגט: ״אוּן אִיך הֵייל זִי״, דער רבי האט אזעלכע לימודים וואס קען אויסהיילן יעדן איינעם און צוריק ברענגען יעדן איינעם צום אייבערשטן, אפילו דער יצר הרע האט אים אראפ געווארפן אין די ארגסטע בלאטע, ער איז נכשל געווארן אין פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה וכו׳ רחמנא לצלן, אויב פאלגט מען דעם רבי׳ן און מען נעמט זיינע עצות איז מען זוכה ארויס צו קריכן פון אלע פראבלעמען.

דער רבי האט אונז געגעבן אן עצה פון התבודדות; אז א מענטש זאל זיך אויסשמועסן זיין הארץ מיטן אייבערשטן אויף זיין אייגענע שפראך און אים בעטן ער

זאל רחמנות האבן אויף אים. דעריבער אז דו ביסט אריבער א שווערע יוגנט, דו ביסט אראפ געפאלן אין ביטערע עבירות וואס מען געבט אויף אזא עבירה סקילה רחמנא לצלן, האסט פוגם געווען בברית מיט די הרבע עבירה פון משכב זכר רחמנא לצלן און דאס לויפט דיר נאך ביז יעצט, איז נישט דא פאר דיר קיין אנדערע עצה, נאר אז דו זאלסט אננעמען דעם רבינ׳ס עצה פון התבודדות.

פאלג דעם רבי׳ן און זיי זיך מתבודד יעדן טאג מיטן אייבערשטן, זיי זיך מתודה פאר אים און פארצייל אים אלעס וואס דו האסט געטון וכו׳; בעט אים: "הייליגער באשעפער איך דאנק דיר און איך ליב דיר אז איך האב חתונה געהאט און איך האב זוכה געווען צו א וואוילע ווייב מיט ליכטיגע קינדער, אבער איך בין אזוי צעבראכן פון מיינע שלעכטע מחשבות וואס לויפן מיר נאך פון מיינע אלטע שלעכטע מעשים. איך האב אזוי פיל געזינדיגט; איך בין אזוי אראפ געפאלן אין די עבירה פון פגם הברית רחמנא לצלן און עס איז שוין געווארן א רגילות ביי מיר צו זינדיגן, אז איך קען פשוט נישט אפלאזן די שלעכטס, עס לויפט מיר נאך, איך קען נישט פטור ווערן פון דעם.

הייליגער באשעפער ראטעווע מיר! איך וויל אזוי שטארק זיין אן ערליכער איד אבער איך האלט אין איין צוריק פאלן, איך בין אזוי צעבראכן און צעקלאפט פון דעם. רבונו של עולם, האב אויף מיר רחמנות, געב מיר כח זיך צו קענען מתגבר זיין אויף מיינע שלעכטע מחשבות. "לֵב טָהוֹר בְּרָא לִי אֱלֹקִים" - באשאף מיר א נייע ריינע, "ורוח נכון חדש בקרבי", געב מיר א הייליגע ווילן, א הייליגע גייסט אז איך זאל נישט וועלן טון שלעכטע זאכן, איך זאל זיין צופרידן מיט מיין ווייב און איך זאל נישט טראכטן פון שלעכטע זאכן".

זאלסט זאגן די תפילה יעדן טאג און אפילו אפאר מאל א טאג - און לייג צו דיינע אייגענע תפילות. יעדעס מאל דיין מח לויפט צוריק צו דיינע אלטע מעשים זאלסטו עפענען דיין מויל און שרייען צום אייבערשטן, וועסטו זוכה זיין ארויס צו קריכן פון דעם.

מען דארף שרייען "געוואלד!" אויף וואס עס גייט פאר אויף דער וועלט; עס דרייען זיך ארום קראנקע מענטשן וואס כאפן יונגע בחורים און ריינע קינדער און טוען מיט זיי עבירות רחמנא לצלן, וואס דאס הרג׳עט זיי פארן גאנצן לעבן; עס ליגט א חוב אויף אלע וואס טוען מיט קינדער און בחורים צו רעדן אפען צו זייערע תלמידים זיי זאלן וויסן ווי אזוי זיך צו היטן פון שלעכטע מענטשן. מען דארף אויס לערנען קינדער: "אויב איינער וויל דיר אנרירן וכו׳ זאלסטו שרייען וכו׳, אדער דערציילן פאר די עלטערן". און אז מען כאפט א מניוול דארף מען אים מסרס זיין און איינשפארן אין

תפיסה פאר זיין גאנץ לעבן ער זאל נישט אוועק הרג׳נען ריינע קינדער און אומשולדיגע בחורים.

נאך אן עצה האט דער רבי פאר אונז אז מיר זאלן קענען ארויס גיין פון די שלעכטע מעשים, דאס איז "זאגן משניות"; דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, רַחֲמָנָא לִצְלַן", אפילו א מענטש וואס איז זייער ווייט פון קדושה, ער טוט עבירות רחמנא לצלן און ער איז שוין אראפ געפאלן אין שאול תחתית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד". אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדען טאג "כך וכך" וועט ער סוף כל סוף ארויס גיין פון זיין בלאטע, ווייל די כח פון תורה איז אזוי גרויס אז עס נעמט ארויס דעם מענטש פון זיין שלעכטס.

זאגן משניות איז די עצה פאר אלע וואס זענען נעבעך אריין געפאלן אין די עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן; נאר דאס קען העלפן דעם מענטש. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מכילתא דויסע, פרשה א) דער אייבערשטער זאגט פאר די אידן, אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְמֹשֶׁה: אֱמוֹר לָהֶם לְיִשְׂרָאֵל, "דִּבְרֵי תּוֹרָה שֶׁנָּתַתִּי לָכֶם רְפוּאָה הֵם לָכֶם, חַיִּים הֵם לָכֶם", שֶׁנֶּאֱמַר: כִּי חַיִּים הֵם לְמוֹצְאֵיהֶם, וְאוֹמֵר: רִפְאוּת תְּהִי לְשָׁרֶךָ וְשִׁקּוּי לְעַצְמוֹתֶיךָ, אז מען לערנט תורה ווערט מען אויסגעהיילט פון אלע מחלות וחלאים רעים.

מאך זיך א שיעור צו זאגן יעדן טאג פרקים משניות און דו זאלסט ארויס זאגן די ווערטער מיט דיין מויל; דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות למוד, חלק ב, סימן יא): "הַמּוֹצִיא דִּבְרֵי תּוֹרָה בְּפִיו, נִצּוֹל מִדִּין סְקִילָה", ווען מען לערנט תורה און מען זאגט ארויס די ווערטער מיט די מויל ווערט מען ניצול פון סקילה; דאס וועט זיין א תיקון אויף די עבירה וואס דו האסט עובר געווען. קוק נישט אויף דעם אז דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט, דו זאג די ווערטער אפילו אן פארשטיין - וועט דער אייבערשטער דיר העלפן אז דו וועסט ארויס גיין פון דיינע שלעכטע רגילות׳ער.

כאפ זיך אריבער קיין אומאן צום הייליגן רבינ׳ס ציון; דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן רכה): ווער עס וועט קומען צו זיין ציון, געבן א פרוטה לצדקה און זאגן דעם תיקון הכללי - די צען קאפיטלעך תהילים: "אֲפִילּוּ אִם עָצְמוּ וְגָבְרוּ חֲטָאָיו וּפְשָׁעָיו, וועל איך מיר לייגן אויף די לענג און אויף די ברייט אים א טובה צו טון, ביי די פיאות וועל

איך אים ארויס נעמען פון שאול תחתית״; פאר צום רבינ׳ס ציון וועסטו אלעס פאררעכטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט תשובה טון אויף אלע דיינע שלעכטע מעשים.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

## קען איך אפשר האבן א תפלה אויפצושטיין צייטליך?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם כל א גרויסן יישר כח פאר די ווארעמע און שיינע דרשות. איך האב געוואלט בעטן אויף דער ראש ישיבה שליט"א קען מיר שרייבן א תפלה צו זאגן יעדע נאכט צו קענען אויפשטיין צייטליך אינדערפרי יעדן טאג.

א גרויסן יישר כח, שלומי

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת שופטים, ג׳ אלול, שנת תשע״ח לפרט קטן

לכבוד שלומי נרו יאיר.

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דא האסטו א תפילה אויף צו קענען אויפשטיין אינדערפרי:

**״רבונו של עולם איך דאנק דיר און איך לויב דיר פאר מיין לעבן; איך דאנק דיר אז איך בין געזונט, אז איך בין א איד און נישט קיין גוי, איך דאנק דיר באשעפער אז איך קען זען, איך קען שטיין און איך קען זיך באוועגן.**

**העלף מיר אייבערשטער איך זאל זיין פריילוך און איך זאל נישט זיין דעפרעסט, עס איז מיר ממש אוממעגליך אויפצושטיין אינדערפרי, איך האב נישט קיין חשק ארויס צו קומען פון בעט ווייל איך בין זייער צעבראכן; דער יצר הרעווארפט מיר אראפ אין עבירות, ער רעדט מיר איין אז דו ביסט ברוגז אויף מיר און ער ברענגט אריין אין מיר מחשבות זרות כאילו איך בין שוין פארפאלן, אז איך קען שוין נישט תשובה טון און אז מיין תורה און מצוות גייען צו די סטרא אחרא. דאס מאכט מיר זייער צעבראכן און איז גורם אז איך בלייבן אין בעט שלאפן.**
~~~~~~~~~~~

**העלף מיר איך זאל וויסן אז דאס אלעס קומט פונעם יצר הרע, ווייל באמת האסטו מיר זייער ליב און דו ווארסט אויף מיין תורה ותפילה; העלף מיר אייבערשטער איך זאל שטענדיג געדענקען אז אפילו איך האב געזינדיגט קען איך תשובה טון, אזוי וועל איך אויפשטיין פרי, איך וועל לויפן אין מקוה און נאכדעם וועל איך גיין לערנען און דאווענען".**

**וויסן זאלסטו אז אלע פראבלעמען קומען פון עצבות און מרה שחורה, אויך דער פראבלעם פון נישט אויפשטיין קומט פון דעפרעסיע; דעריבער דארף מען זיך נייטן מיט אלע כוחות צו זיין פרייליך. זע צו הערן מוזיק יעדן טאג, טאנץ יעדן טאג און זיי זיך מחזק זיין אויף אלעס גוטס וואס דער אייבערשטער געבט דיר אזוי וועסטו קענען אויפשטיין אינדערפרי.**

**דער הייליגער ר' נתן זכרונו לברכה האט געהייסן פאר איינעם פון אנשי שלומינו ער זאל טאנצן יעדן טאג, ר' נתן האט געזאגט: "ווער עס איז פרייליך וועט נישט זען דעם פנים פון גיהנום".**

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.**

**א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.**

...

~~~~~~~~~~

**ווי אזוי קען איך זיך ארויסדרייען פון זיצן אין כולל נאך די חתונה?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

יישר כח פאר אלע שיינע דרשות וואס האט מיר ממש געראטעוועט דאס לעבן, דער אייבערשטער זאל אייך געבן כוחות אויף ווייטער.

איך בין א חתן וואס האלט פאר די חתונה, די שמחה איז גרויס אז איך גיי אנהויבן א נייע לעבן ווי א מענטש, אבער איין זאך קרענקט מיר, דאס איז ווען איך טראכט פון כולל. מען האט זיך אויסגענומען אז איך גיי לערנען אין כולל פאר פינף יאר, איך קען טאקע לערנען און איך האב ליב צו לערנען, איך קען גוט גרויסע חלקים אין ש"ס און אין הלכות שבת, נאכאלץ שטערט מיר זייער אז איך גיי דארפן קוועטשן די באנק אין כולל פאר אזוי לאנג, נאכדערצו ווי אזוי דער ראש ישיבה שליט"א לייגט עס אראפ אז ס'קומט אויס קוים 5 טעג א חודש וואס מ'לערנט טאקע מיט א חברותא. אפשר קען דער ראש ישיבה שליט"א מיר געבן אן עצה ווי אזוי מ'געבט זיך אן עצה מיט דעם כולל פראבלעם.

יישר כח, שלמה
~~~~~~~~~~

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת שופטים, ג׳ אלול, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד החתן שלמה נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיר זייער צו הערן אז דו שטארקסט זיך מיטן הייליגן רבינ׳ס עצות; דער רבי געבט אונז לעבן, שכל ווי אזוי צו לעבן און כח מיר זאלן זיך נישט פארלירן אין די שווערסטע צייטן.

בנוגע צי דו זאלסט לערנען אין כולל וכו׳; זיי מיר מוחל אבער איך פארשטיי נישט וואס דו פרעגסט. פון איין זייט שרייבסטו אז דו קענסט לערנען און דו האסט ליב צו לערנען, דו האסט שוין געלערנט א גרויס חלק פון ש״ס, אויך האסטו שוין דורכגעלערנט הלכות שבת, פון די אנדערע זייט שרייבסטו אז דו ווילסט נישט לערנען? דערפאר ווייס איך נישט וואס צו טראכטן.

איין זאך קען איך דיר זאגן: ״גיין ליידיג טאר מען נישט״; נישט קיין חילוק צי מען האט זיך אויסגענומען צי לערנען איין טאג צי מען האט זיך אויסגענומען אז מען גייט לערנען פינף יאר. אויב איז אזוי ווי דו זאגסט - אז דו לערנסט, וואלט איך דיר געזאגט זאלסט גיין אין כולל לערנען, טראכט נישט פון דעם קומענדיגן יאר, טראכט נאר פונעם היינטיגן טאג.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן רעב) אויפן פסוק (תהלים צה, ז): הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ - ״זֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם שֶׁלֹּא יָשִׂים לְנֶגֶד עֵינָיו כִּי אִם אוֹתוֹ הַיּוֹם, הֵן בְּעֵסֶק פַּרְנָסָה וְהִצְטָרְכוּתוֹ, צָרִיךְ שֶׁלֹּא יַחֲשֹׁב מִיּוֹם לַחֲבֵרוֹ כַּמּוּבָא בַּסְּפָרִים, וְכֵן בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ לֹא יָשִׂים לְנֶגֶד עֵינָיו כִּי אִם אוֹתוֹ הַיּוֹם וְאוֹתוֹ הַשָּׁעָה״, ווען א מענטש וויל אנהייבן עפעס צו טון סיי ברוחניות און סיי בגשמיות דארף ער נעמען דעם כלל פאר זיך - ׳צו קוקן נאר אויפן היינטיגן טאג׳; ״כִּי כְּשֶׁרוֹצִין לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדַת ה׳ נִדְמֶה לְהָאָדָם כְּאִלּוּ הוּא מַשָּׂא כָּבֵד, וְאִי אֶפְשָׁר לוֹ לְשָׂא מַשָּׂא כָּבֵד כָּזוֹ״, ווייל ווען מען וויל אנהייבן דינען דעם אייבערשטן דאכט זיך פארן מענטש אז ער נעמט אויף זיך א שווערע לאסט, און דאס ברענגט דעם מענטש צו טראכטן אז מען קען נישט נעמען די עבודה, ״אֲבָל כְּשֶׁיַּחֲשֹׁב שֶׁאֵין לוֹ רַק אוֹתוֹ הַיּוֹם, לֹא יִהְיֶה לוֹ מַשָּׂא כְּלָל״, אבער אז מען טראכט נאר פונעם היינטיגן טאג איז עס בכלל נישט שווער, ״וְגַם שֶׁלֹּא יִדְחֶה אֶת עַצְמוֹ מִיּוֹם לְיוֹם לֵאמֹר מָחָר אַתְחִיל, מָחָר אֶתְפַּלֵּל בְּכַוָּנָה וּבְכֹחַ כָּרָאוּי, וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה בִּשְׁאָר הָעֲבוֹדוֹת, כִּי אֵין לְאָדָם בְּעוֹלָמוֹ כִּי אִם אוֹתוֹ הַיּוֹם וְאוֹתוֹ הַשָּׁעָה שֶׁעוֹמֵד בּוֹ, כִּי יוֹם הַמָּחֳרָת הוּא עוֹלָם אַחֵר לְגַמְרֵי״, אז מען

טראכט נאר פונעם היינטיגן טאג וועט מען דאס נישט אפשטופן אויף מארגן און מען וועט נישט זאגן: "מארגן וועל איך גיין דאווענען", "מארגן וועל איך אנהייבן וכו'", ווייל איך האב דאך נאר דעם היינטיגן טאג. מיט דעם טייטשט דער רבי: "הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ", 'הַיּוֹם' דַּיְקָא, וְהָבֵן, עיין שם.

טייערער חתן, גיי צו דיין חתונה מיט די הקדמה פון רבי'ן, אז: "הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ, 'הַיּוֹם' דַּיְקָא", איך האב נאר איין טאג - דעם היינטיגן טאג, דורכדעם וועסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

אז דו האסט די מעגליכקייט צו לערנען און דו האסט ליב צו לערנען זאלסטו זיכער בלייבן לערנען; אבער אויב דו לערנסט נישט, דו קענסט טאקע לערנען און דו פארשטייסט גאר גוט לערנען אבער למעשה גייסטו ליידיג, דו זעסט זיך בטל'ן צייט, עס גייט אריבער א טאג נאך א טאג, א וואך נאך א וואך אן עפענען א ספר, זאלסטו זיך גלייך טרעפן א פרנסה כדי דו זאלסט נישט אריין פאלן אין שלעכטע זאכן, ווייל גיין ליידיג איז די ערגסטע זאך. די הייליגע חכמים זאגן (כתובות נט:): "הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי זִמָּה וְלִידֵי שִׁעֲמוּם", גיין ליידיג ברענגט צו עבירות און צו דעפרעשן רחמנא לצלן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט אויפשטעלן א בית נאמן בישראל, און זוכה זיין צו ערליכע אידישע דורות.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

### וואס איז די ריכטיגע וועג ווי אזוי ארויסצוגיין פון חובות?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם כל וויל איך זיך באדאנקען פאר'ן ראש ישיבה שליט"א פאר די שיעורים און בריוו וואס וואס געטוישט מיין גאנץ לעבן צום גוטן ברוך ה'.

איך האב זיך געטראפן אין גרויסע חובות פון איבער פופציג טויזנט דאלער, איך האב גענומען א דרך פון ברסלב פון איינע פון די גרויסע משפיעים אין ארץ ישראל וואס ער זאגט אז דער רבי האט געהייסן מאכן התבודדות פאר א גאנצע שעה יעדן טאג, ער שרייבט אין זיין ספר אז דער רבי זאגט אז ס'איז דא אן עבירה וואס די שטראף אויף דעם איז אז מ'ווערט א בעל חוב, איז ער מסביר די וועג ווי אזוי ארויסצוקריכן דערפון, און ער מאכט א סדר ווי אזוי צו רעדן צום אייבערשטן די שעה, די ערשטע האלבע שעה דארף מען דאנקען דעם אייבערשטן פאר די מתנה פון חובות, ווייל אויב דער אייבערשטער האט מיר אריינגעפירט אין חובות
~~~~~~~~~~~

איז דאס זיכער גוט פאר מיר, און ביי די צווייטע האלב שעה דארף מען בעטן דעם אייבערשטער ער זאל מיר אויפמאכן די אויגן צו זען וועלכע עבירה איך האב געטון וואס דאס האט מיר געמאכט פאר א בעל חוב. איך טו דאס שוין פאר בערך פינף זעקס חדשים, און דער מצב איז טאקע געווארן אסאך בעסער.

לעצטנס האב איך אנגעהויבן לערנען אשר בנחל, און ס'זעט מיר נישט אויס אז מוהרא"ש איז געגאנגען אויף דעם מהלך, האב איך געוואלט בעטן אויב דער ראש ישיבה שליט"א קען מיר קלאר שטעלן וואס איז דער ריכטיגער וועג פאר מיר לויט ווי מוהרא"ש האט געלערנט, ווי אזוי תשובה צו טון אויף די עבירה וואס ברענגט חובות, און א וועג ארויסצוגיין פון חובות.

א גרויסן יישר כח, אברהם

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת שופטים, ג׳ אלול, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד אברהם נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו לעבסט מיטן הייליגן רבינ׳ס עצות; דער רבי בלאזט אריין אין אונז א חיות - א לעבן אז מיר זאלן זיך קענען דערהאלטן מיט אלע כוחות אנצוגיין אפילו ווען עס גייט אריבער אויף אונז שווערע צייטן.

מוהרא״ש האט אונז געלערנט א וועג ארויס צו גיין פון חובות; מען זאל גיין נאך געלט און באצאלן צוביסלעך. אז דו האסט חובות אין די סומע פון פופציג טויזנט דאללער, הייב אן צו באצאלן צוביסלעך, זאג נישט: ״ווען איך וועל האבן די גאנצע סכום אויף איין מאל וועל איך עס באצאלן״, נאר טו אזוי: אז דו קומסט פארן פיש געשעפט טויזנט דאללער ווארט נישט ביז דו וועסט האבן טויזנט דאללער אים צו באצאלן, ווייל קיינער האט נישט קיין עקסטערע טויזנטער דאס צו גיין באצאלן אויף איין מאל, אבער א פינפער האסטו - יא? גיי אריין און לייג עס אויפן חשבון, און אזוי ווייטער ביי די אנדערע פלעצער וואו דו ביסט שולדיג געלט, גיי יעצט און טראג אריין אין געשעפט א פינפער, א צענער, א צוואנציגער, וויפיל דו האסט אין טאש.

די הייליגע חכמים לערנען אונז (אבות ב, ד): ״אַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפְנֶה״ - וועל איך באצאלן, ״שֶׁמָּא לֹא תִפָּנֶה״ - ווייל ווער זאגט אז דו וועסט האבן צו באצאלן? אז מען פאלגט א צדיק און מען צאלט צוביסלעך, דאן קומט אריין די ברכה און מען קען אלעס באצאלן.

ווען מוהרא״ש האט חתונה געהאט האט ער אליינס אפגעדרוקט אלע דעם רבינ׳ס ספרים און ער איז געבליבן שולדיג פארן דרוקער איבער אכציג טויזנט דאללער (אפילו

היינט איז אכציג טויזנט דאללער א סאך געלט, כל שכן דעמאלט בימים ההם איז עס געווען עטליכע מאל די היינטיגע ווערד), פלעגט מוהרא״ש שטענדיג דערציילן ביי די שיעורים ווי אזוי ער האט באצאלט דעם מדפיס; ער האט דאס אליינס באצאלט אן קיין עסקנים און אן קיין גמחים, ער איז יעדן טאג אריין צום דרוקער און באצאלט אויפן חשבון וויפיל ער האט געהאט אין טאש, ביז ער האט אלעס באצאלט. און אזוי פירן זיך די ערליכע ברסלב׳ע חסידים, זיי באצאלן צוביסלעך וואו זיי זענען שולדיג.

דאס וואס דו פרעגסט וואס איז די עבירה וואס דער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן קיב): ״יֵשׁ עֲבֵירָה שֶׁעֲנְשָׁהּ שֶׁל עֲבֵירָה הַהִיא שֶׁיְּהֵא בַּעַל חוֹב תָּמִיד״, עס איז דא עבירות וואס דאס מאכט אז דער מענטש זאל שטענדיג זיין א בעל חוב; דאס איז די עבירה פון הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן. ווען א מענטש איז חס ושלום פוגם בברית, ער היט זיך נישט די אויגן, ער קוקט מאוויס און קליפס פון עבירות רחמנא לצלן, ווערט פארשטאפט זיין מח און עס ווארפט אים אריין אין א קטנות הדעת, ער מיינט אז ער מוז בארגן געלט, און צום סוף בלייבט ער נעבעך א גרויסער בעל חוב.

די איינציגסטע עצה ארויסצוקריכן פון אלע חובות איז אז מען טוט תשובה און מען וויינט זיך אויס פארן אייבערשטן, מען בעט אים אז מען זאל ארויס קריכן פון די בלאטע וואו מען איז אריין געפאלן, מען בעט אים ער זאל געבן שפע כדי מען זאל קענען באצאלן אלע חובות.

דערפאר זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן אויף אידיש יעדן טאג, ער זאל דיר העלפן דו זאלסט האבן שפע און דו זאלסט קענען באצאלן אלע דיינע חובות.

אויב דו ווילסט באמת באצאלן דיינע חובות זאלסטו אננעמען די עצה פון מוהרא״ש זכרונו לברכה: גיי נאך געלט יעדן טאג און אזוי זאלסטו צוביסלעך באצאלן דיינע חובות; עס איז נישט קיין בושה צו גיין נאך געלט, עס איז א בושה צו זיין א גנב, עס איז א בושה ווען מען בארגט געלט און מען באצאלט נישט.

על פי הלכה (שולחן ערוך יורה דעה, סימן רנ) אויב מען האט נישט קיין געלט קען מען גיין נאך געלט פאר זיך אליינס; פארשטייט זיך אז אין שטוב איז נישט כדי צו זאגן אז מען גייט נאך געלט פאר זיך, מען זאגט ׳איך גיי נאך געלט פאר א חבר וואס האט נישט אויף יום טוב׳ וד״ל.

דו זאלסט ווייטער רעדן צום אייבערשטן, זאלסט אים בעטן ער זאל דיר העלפן דו זאלסט קענען באצאלן פאר יעדן איינעם ביזן לעצטן פרוטה כדי דו זאלסט קענען אוועק גיין פון דער וועלט אן צו זיין שולדיג פאר א צווייטן אפילו איין פרוטה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**ווי אזוי קען איך האבן געלט, אז מיין טאטע האט גארנישט מיר צו געבן?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א בחור, און מיין טאטע האט נישט קיין פרנסה, ער האט אסאך חובות. אסאך מאל דארף איך עפעס קויפן אבער איך האב נישט פון וועמען צו בעטן געלט, ווייל מיין טאטע האט באמת מיר נישט צו געבן, און איך האב זיכער נישט. זאל איך אפשר גיין נאך צדקה? אדער זאל איך גיין ארבעטן?

יעקב

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת שופטים, ג׳ אלול, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד יעקב נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

בלייב אין ישיבה לערנען תורה. דו וועסט נאך געווג ארבעטן אין לעבן; נאך אביסל וועסטו חתונה האבן און דו וועסט דארפן ברענגען פרנסה פאר דיין משפחה, דעמאלט וועסטו יוצא זיין דעם (בראשית ג, יט): ״בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם״; דעריבער זאלסטו בלייבן לערנען די הייליגע תורה וועט דער אייבערשטער דיר העלפן אז דו וועסט טרעפן א גוטע שידוך בקרוב.

אין שלחן ערוך הלכות צדקה ווערט גע׳פסק׳ט (יורה דעה, סימן רנ), אז ווער עס האט נישט קיין געלט מעג גיין נאך געלט; דעריבער אז דיין טאטע האט נישט קיין פרנסה, ער זינקט אין חובות און דו האסט נישט פון וועם צו בעטן געלט ווען דו דארפסט קויפן מלבושים וכדומה - מעגסטו גיין נאך געלט; אבער גיי נישט נאך געלט נאר פאר וואס דו דארפסט.

גיי נאך געלט פאר דיינע עלטערן; עס נישט דא קיין גרעסערע מצוה ווי דאס אז א קינד העלפט זיינע עלטערן. ביי אונז אין ישיבה איז דאס איינגעפירט ביי אלע בחורים, זיי גייען נאך געלט יעדע נאכט ביי הייזער און ביי חתונות; אביסל ברענגען זיי פאר די ישיבה און די איבעריגע געלט געבן זיי פאר די עלטערן, זיי צאלן אויס די באלאנס אין
~~~~~~~~~~~

גראסערי, און ביי די פיש און פלייש געשעפט; זיי דערשמעקן אין שטוב וואו מען דארף געלט און פארוואס מען דארף געלט און שטעלן דאס צוזאם שטילערהייט.

עס איז נישט דא קיין גרעסערע מצוה ווי העלפן די עלטערן זיי זאלן קענען לעבן; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנא דבי אליהו רבה, פרשה כו): "כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם", דער אייבערשטער זאגט: די גאנצע וועלט איז מיינס - איך האב עס באשאפן און איך בעט פון ענק נאר איין זאך "איר זאלט מכבד זיין ענקערע עלטערן"; דעריבער זאלסטו בלייבן אין ישיבה לערנען פלייסיג. מיט דעם וועסטו מאכן א נחת רוח פאר דיינע עלטערן און ביינאכט זאלסטו העלפן דיינע עלטערן וויפיל דו קענסט.

אז דו גייסט צוזאמשטעלן געלט פאר דיינע עלטערן זאלסטו אכטונג געבן עס זאל זיין בדרך כבוד, ווייל עס איז גארנישט ווערד אז א קינד האלט אויס זיינע עלטערן און ער רעדט צו זיי מיט חוצפה. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ירושלמי פאה פרק א, הלכה א): "יֵשׁ שֶׁהוּא מַאֲכִיל אֶת אָבִיו פַּטוּמוֹת, וְיוֹרֵשׁ גֵּיהִנָּם", עס איז דא אמאל א קינד וואס האלט אויס זיין טאטע, ער ברענגט אים צו עסן געשטאפטע גענז, מיט דעם אלעם וועט ער גיין אין גיהנום, "וְיֵשׁ שֶׁהוּא מַטְחִינוֹ בָּרֵחַיִים, וְיוֹרֵשׁ גַּן עֵדֶן", ווידערום איז דא אמאל א קינד וואס מאכט זיין טאטע טון שווערע ארבעט און אין דעם זכות וועט ער האבן גן עדן; ווי אזוי קען זיין א מענטש וואס געבט זיין טאטע צו עסן די בעסטע עסן זאל גיין אין גיהנום? ברענגט די גמרא אראפ א מעשה, עס איז געווען א מעשה בְּאֶחָד שֶׁהָיָה מַאֲכִיל לְאָבִיו תַּרְנְגוֹלִים פְּטוּמִים, עס איז געווען איינער וואס האט אויס געהאלטן זיין טאטע, דער טאטע איז שוין געווען אלט, ער האט נישט געקענט ארבעטן און דער זון פלעגט אים ברענגען יעדן טאג געשטאפטע גענז, "פַּעַם אַחַת אָמַר לוֹ אָבִיו: בְּנִי, הַלָּלוּ מִנַּיִן לְךָ?" איין טאג פרעגט אים זיין טאטע: פון וואו האסטו אזעלכע געשמאקע גענז? "אָמַר לוֹ: זָקֵן, זָקֵן, אֱכֹל וּשְׁתוֹק, שֶׁהַכְּלָבִים אוֹכְלִים וְשׁוֹתְקִים", האט ער זיך אנגערופן צום טאטן מיט געשפעט: אלטע טאטע וואס רעדסטו אזוי פיל, שוויג און עס, אפילו הינט ווען זיי עסן בילן זיי נישט, פרעג נישט קיין קשיות, עס און שוין, "נִמְצָא מַאֲכִיל אֶת אָבִיו פַּטוּמוֹת, וְיוֹרֵשׁ גֵּיהִנָּם", קומט אויס אז אין הכי נמי, ער געבט טאקע צו עסן דעם טאטן, אבער ער וועט גיין ביים סוף אין גיהנום, ווייל ער רעדט מיט חוצפה.

נאכדעם איז דא איינער וואס נעמט דעם טאטן צו ארבעטן שווערע ארבעט און אין דעם זכות וועט ער גיין אין גן עדן, ווי אזוי איז דאס שייך? דערציילט די גמרא: "מַעֲשֶׂה בְּאֶחָד שֶׁהָיָה טוֹחֵן בָּרֵחַיִים", עס איז געווען איינער וואס האט געארבעט שווער ביי א מיל, "שָׁלַח הַמֶּלֶךְ לְהָבִיא טוֹחֲנִים לַעֲבוֹדָתוֹ", איין טאג האט דעם איד'ס טאטע באקומען

א באפעל פונעם קעניג ער זאל קומען ארבעטן ביי אים אין פאלאץ, "אָמַר לוֹ לְאָבִיו, אַבָּא, הִכָּנֵס וּטְחֹן תַּחְתַּי וַאֲנִי אֵלֵךְ לַעֲבוֹדַת הַמֶּלֶךְ", האט דער זון געזאגט: טאטע, נעם איבער מיין ארבעט ביים מיל און איך וועל גיין אנשטאט דיר ארבעטן ביים קעניג, "אִם יַגִּיעַ לִידֵי בִּזָּיוֹן, אֶתְבַּזֶּה אֲנִי וְלֹא אַתָּה", אז דו זאלסט נישט ווערן פארשעמט ביים קעניג, (אדער ווי רש"י זאגט (בבלי קידושין לא:): וַאֲנִי אֵלֵךְ תַּחְתֶּיךָ לַעֲבוֹדַת הַמֶּלֶךְ שֶׁאֵין לָהּ קִצְבָה), "נִמְצָא מַטְחִינוֹ בָּרֵחַיִים, וְיוֹרֵשׁ גַּן עֵדֶן", קומט אויס אז דער האט געמאכט זיין טאטע ארבעטן שווער און ער באקומט שכר אויף דעם; זעט מען פון דעם אז עס איז נישט גענוג צו העלפן א טאטע בלויז מיט געלט, ווייל אויב מען רעדט מיט עזות וועט מען באקומען א גרויסער עונש.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט בקרוב טרעפן דיין זיווג און האבן פרנסה בשפע אז דו זאלסט שטענדיג קענען העלפן דיינע עלטערן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

### איך מוטשע זיך מיט ספיקות אין הלכה שאלות, וואס איז די עצה?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

יישר כח פאר די דרשות וואס געבט מיר אסאך חיזוק, ספעציעל ווען איר רעדט פון תפלה.

איך בין א מאמע פון קליינע קינדער, און איך מוטשע זיך מיט אסאך ענקזייעטי אין הלכה, בעיקר אין בין אדם לחבירו און אין בשר בחלב. איך טראכט א גאנצן צייט אפשר האב איך איינעם געזאגט א ווארט וואס האט יענעם געטשעפעט, אפשר האב איך אמאל גערעדט לשון הרע, און ס'פייניגט מיר כסדר אז איך דארף יעדן איבערבעטן. און אויך אין קאך האב איך אלץ מורא אז אפשר טויג עפעס נישט מיט די טעפ, איך שפיר קיינמאל נישט זיכער אז ס'האט זיך נישט אפשר אויסגעמישט עפעס מילכיגס און פליישיגס.

אפשר האט איר פאר מיר אן עצה אדער א תפלה וואס וועט מיר העלפן?

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת שופטים, ג' אלול, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי'.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

ווען מען האט א שאלה אין סיי וואספארא נושא - צי אין קאך מיט בשר בחלב, אדער אין הלכות טהרה וכו' דארף מען פרעגן א דיין. און אז דער דיין זאגט אז דאס איז
~~~~~~~~~~

גוט דארף מען וויסן אז דאס איז גוט, עס עקזעסטירט נישט קיין איבער קלערן און איבער טראכטן, ווייל ווי אזוי דער דיין פסק'ענט אזוי איז דער הלכה.

ווען עס קומט צו פרעגן א שאלה טאר מען זיך נישט שעמען; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ב, ה): "וְלֹא הַבַּיְשָׁן לָמֵד"; יעדע שאלה וואס מען האט - סיי אין הלכה סיי אין מנהג - דארף מען פרעגן אן ערליכן רב. דאס איז דער גאנצער איד; אז יעדע זאך וואס ער טוט דארף זיין צוגעבינדן צו די תורה. אזוי אויך אויב האט מען חס ושלום א דין ודברים מיט א צווייטן אפילו עס רעדט זיך איבער א פרוטה, ווייל (סנהדרין ח.): "דִּין פְּרוּטָה כְּדִין מֵאָה", איין פרוטה האט די זעלבע הלכה ווי הונדערט פרוטות, דארף מען גיין צו א רב ער זאל פסק'ענען וואס צו טון און חס ושלום זיך אליינס פסק'ענען ביי קיין שום פאל.

דאס וואס איר זענט קיינמאל נישט זיכער מיט זיך, איר האט אלץ מורא וכו'; דארפט איר וויסן וואס דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מען דארף זיך זייער היטן פון חכמות, "כִּי כָל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל, וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", די אלע חכמות וואס מען האט ווען מען הייבט אן דינען דעם אייבערשטן - דאס זענען בכלל נישט קיין חכמות, דאס זענען בלויז דמיונות, שטותים און קאפ דרייעניש, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דאס מאכט אז דער מענטש זאל אפלאזן זיין עבודת השם, "דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁחוֹשֵׁב וְחוֹקֵר וּמְדַקְדֵּק בְּיוֹתֵר, אִם הוּא יוֹצֵא כָּרָאוּי בַּמֶּה שֶׁעוֹשֶׂה", דאס וואס מען טראכט צי מען איז יוצא די מצוה וואס מען טוט - צי נישט; מען איז מדקדק און מען האלט אין איין אריין טראכטן: 'אפשר בין איך נישט יוצא, אפשר בין איך יא יוצא', דאס אלעס ברענגט דערצו אז דער מענטש זאל אלעס אפלאזן רחמנא לצלן. "כִּי בָשָׂר וָדָם אִי אֶפְשָׁר לוֹ שֶׁיֵּצֵא יְדֵי חוֹבָתוֹ בִּשְׁלֵמוּת", ווייל א מענטש קען נישט יוצא זיין די מצוות פונעם אייבערשטן בשלימות, "וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא' וְכוּ'", דער אייבערשטער זוכט נישט א וועג ווי אזוי ער קען אונז כאפן און אויפווייזן אז מיר קענען נישט טון די מצוות, ווייל די תורה איז געגעבן געווארן פאר מענטשן, "וְלֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", נישט פאר קיין מלאכים, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: 'וָחַי בָּהֶם, וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם' כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", און די אלע וואס זענען פארנומען מיט חכמות און ספיקות זענען אלץ מסופק צי זיי האבן יוצא געווען די מצוה צי נישט - די האבן נישט קיין שום חיות, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְוֹת שֶׁעוֹשִׂין, וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת

מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחוֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זיי זענען שטענדיג דעפרעסט און לעבן אלץ אין ספיקות, ווייל די חומרות ווארפט זיי אריין אין מרה שחורה.

בעטס דעם אייבערשטן איר זאלט זוכה זיין צו זיין פריילך און נישט איבער טראכטן, מיט תפילה וועט איר ארויס גיין פון אלע אייערע שוועריקייטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

**וואס טו איך ווען מיינע עלטערן הערן נישט אויף מיר צו סעקירן?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן יישר כח פאר אלע חיזוק און שיעורים, ובפרט פאר'ן סדר דרך הלימוד וואס האט מיר געמאכט לערנען. איך בין היינט געווען ביים גרויסן גאון רבי חיים קנייבסקי שליט"א און איך האב איך געפרעגט אויב ס'איז דא אן ענין צו זאגן משניות און גמרא, האט ער מיר געענטפערט מיט די צווי ווערטער, "יש ענין".

איך האב געוואלט בעטן פונעם ראש ישיבה שליט"א חיזוק אויף כיבוד אב ואם, איך בין א בחור פון 20 יאר, איך בין דער יונגסטער קינד, און מיינע עלטערן פירן זיך אויף צו מיר ווי צו א בר מצוה בחור'ל, מ'גייט מיר נאך די פיסטריט און מ'לאזט מיר נישט אפ, און דאס מאכט אז איך פיר זיך נישט אויף צו זיי ווי עס דארף צו זיין, עס גייט אזוי ווייט אז איך קען צומאל צוריקשרייען אויף זיי ווען זיי שרייען אויף מיר. כאטש וואס איך האב זיך שוין פיל פארבעסערט אין כיבוד אב ואם זייט איך האב אנגעהויבן הערן אייערע שיעורים, דארף איך נאכאלץ האבן נאך חיזוק אויף דעם.

א גרויסן יישר כח פאר אלעס.

אהרן

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת שופטים, ד' אלול, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד אהרן נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו לערנסט אויפן רבינ'ס סדר דרך הלימוד; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט זוכה זיין צו טרעפן בקרוב דיין שידוך, אזוי וועסטו קענען לערנען תורה בטהרה.
~~~~~~~~~~

חכמינו הקדושים זאגן (יומא עב:) אויפן פסוק (תהלים יט, י): יִרְאַת ה' טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד, "זֶה הַלּוֹמֵד תּוֹרָה בְּטָהֳרָה", דאס מיינט מען דער וואס לערנט תורה מיט א ריינע מח, פרעגט די גמרא: "מַאי הִיא?" ווי אזוי איז מען זוכה צו לערנען תורה בטהרה? "נוֹשֵׂא אִשָּׁה, וְאַחַר כָּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה", אז מען האט חתונה און נאכדעם לערנט מען תורה, ווייל מען קען נישט לערנען תורה בטהרה נאר אז מען האט חתונה קודם.

בנוגע דיין כיבוד אב ואם, וואס דו רעדסט זיך אפ וכו'; ווי פאר א קינד וואס עפענט א מויל צו רעדן מיט חוצפה צו זיינע עלטערן, ווי פאר א קינד וואס שפעט אפ פון זיין אלטע מאמע. קוק וואס שלמה המלך זאגט (משלי ל, יז): "עַיִן תִּלְעַג לְאָב", אן אויג וואס שפעט אפ פון זיין טאטע, "וְתָבוּז לִיקֲּהַת אֵם", און דער וואס שפעט אפ פון די קנייטשן פון זיין מאמע (ווען א מענטש ווערט עלטער ווערט דער פנים פול מיט קנייטשן), "יִקְּרוּהָ עֹרְבֵי נַחַל", זאלן קומען די רויב פויגל וואס זענען גרויסע אכזרים און אים אויסשטעכן די אויגן, "וְיֹאכְלוּהָ בְנֵי נָשֶׁר", און די אדלער זאלן אים אויפעסן.

כיבוד אב ואם איז חמורות שבחמורות; דאס איז פון די הארבסטע מצוות וואס איז דא. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ירושלמי קידושין פרק א, הלכה ז): "רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי אוֹמֵר, גָּדוֹל הִיא כִּיבּוּד אָב וָאֵם שֶׁהֶעֱדִיפוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹתֵר מִכְּבוֹדוֹ", רבי שמעון בן יוחאי זאגט, דער אייבערשטער האט אונז באפוילן מען זאל מער מכבד זיין טאטע מאמע ווי מען זאל מכבד זיין דעם אייבערשטן אליינס; דעריבער זאלסטו זייער אכטונג געבן נישט צוריק צו ענטפערן פאר דיינע עלטערן.

בפרט אז דו ביסט שוין דער יונגסטער קינד און דיינע עלטערן זענען שוין אין די עלטערע יארן, דארפסטו זיין זייער פארזיכטיג מיט זיי, זאלסט זיי נישט ווי טון און רעדן מיט זיי מיטן גרעסטן מאס דרך ארץ. ווי עלטער די עלטערן ווערן אלץ מער זענען זיי סענסעטיוו, דעמאלט דארף מען זיין מער פארזיכטיג ווי אין די יונגע יארן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~

**ווי אזוי דערהאלט מען זיך ווען האט נאכנישט זוכה געווען צו קינדער?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

ערשטנס א גרויסן יישר כח פאר די שטארקע דברי חיזוק בסדר.
~~~~~~~~~~~

איך האלט שוין אפאר יאר נאך די חתונה, און איך בין נאכנישט געהאלפן געווארן מיט קינדער, איך בין זיך שטארק מחזק מיט'ן רעדן צום אייבערשטן, און אזוי פרובירט מען אנצוגיין ווייטער און ווייטער, אבער יעדע שטיק צייט קומט אן פרישע אנטוישונגען וואס לעשט מיר אויס אינגאנצן, איך ווייס נישט ווי אזוי זיך צו באגיין ווען ס'קומט א שווערע מינוט, אפשר קען דער ראש ישיבה שליט"א מיר געבן חיזוק און עצות אויף דעם?

א גרויסן יישר כח, משה

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת שופטים, ד׳ אלול, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד משה נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

געב אכטונג נישט צו ווערן אנגעצויגן און נערוועז וכו׳, ווייל דאס אליינס איז מונע צו האבן קינדער. דער אייבערשטער וועט ענק העלפן איר וועט זוכה זיין בקרוב צו זרע של קיימא.

דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, חלק ב׳, סימן ח׳): ״הֵ״א הַנַּעֲשָׂה מִכֶּסֶף מְסֻגָּל לִפְרִיָּה וּרְבִיָּה״, א זילבערנע ה״א איז א סגולה פאר קינדער; היינט קען מען דאס באקומען ביי די זילבער געשעפטן. מען טוט דאס אן מיט א קייטל אויפן האלז און דאס איז א סגולה פאר קינדער, אזוי ווי עס שטייט (בראשית מז, כג): ״הֵא לָכֶם זֶרַע״.

דער עיקר זאלסטו זיך שטארקן מיט אלע דיינע כוחות צו זיין פרייליך און פריילך מאכן אין שטוב, דאס וועט דיר ברענגען קינדער. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בבא בתרא י:): מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם וְיִהְיוּ לוֹ בָּנִים זְכָרִים? רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר: ״״יְפַזֵּר מָעוֹתָיו לַעֲנִיִּים״, רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר: ״יְשַׂמַּח אִשְׁתּוֹ לִדְבַר מִצְוָה״.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## וואס טו איך אז כ'האב פארלוירן מיין געפיל צו התבודדות?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך וויל אייך נאכאמאל דאנקען פאר אייערע טייערע שיעורים וואס זענען כמים קרים על נפש עייפה, אויסער אלע איבריגע מעלות וואס איר פארמאגט, האט דער אייבערשטער אייך אויך געשאנקען מיט א קלארע שפראך, אז אפילו א קליין קינד קען פארשטיין פון די דרשות וואס מ'האט צו טון אין לעבן.

איך האב געוואלט פרעגן איבער דעם וואס איך האב א לענגערע צייט געשפירט זייער א געשמאקע טעם אין התבודדות, אזוי ווייט אז איך פלעג האבן א חבר פארוועם איך פלעג דערציילן מיינע זאכן און ס'האט מיר שוין מער נישט אויסגעפעלט, אבער יעצט האט זיך ביי מיר פארמאכט די גאנצע זאך, איך שפיר מער נישט קיין שום טעם אין רעדן צום אייבערשטן, אפשר האט איר פאר מיר אן עצה?

פנחס

### תשובה:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת שופטים, ד׳ אלול, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד פנחס נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס איז כדאי דו זאלסט לערנען די תורה אין ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן מח - וועסטו האבן מורא׳דיגע חיזוק אנצוגיין מיט דיין עבודת השם.

דער הייליגער רבי זאגט דארט: ״וְצָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לְבִלְי לְהָנִיחַ אֶת מְקוֹמוֹ, דְּהַיְנוּ מְעַט מִקְּצָת עֲבוֹדָתוֹ שֶׁהִתְחִיל, אַף אִם יַעֲבֹר עָלָיו מָה״, א מענטש דארף זיין זייער א גרויסער עקשן נישט אפצולאזן זיין עבודת השם - סיי אין תורה סיי אין תפילה, ״וּזְכֹר דָּבָר זֶה הֵיטֵב, כִּי תִּצְטָרֵךְ לָזֶה מְאֹד כְּשֶׁתַּתְחִיל קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם״, געדענק גוט וואס איך זאג דיר - זאגט דער רבי - ווייל ווען דו וועסט אנהייבן דינען דעם אייבערשטן וועסטו דאס דארפן גוט וויסן, ״כִּי צָרִיךְ עַקְשָׁנוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד, לִהְיוֹת חָזָק וְאַמִּיץ, לֶאֱחֹז עַצְמוֹ לַעֲמֹד עַל עָמְדוֹ״, ווייל מען דארף זיין א גרויסער עקשן נישט אויפצוהערן דינען דעם אייבערשטן ווען עס גייט אריבער ספיקות און בלבולים וכו׳ וכו׳, מען דארף זיך האלטן מיט אלע כוחות; לערן דורך דעם גאנצן תורה וועסטו האבן שטארקע חיזוק.

שטארק דיך ווייטער צו רעדן צום אייבערשטן; אפילו דו שפירסט נישט קיין טעם אין דעם, דאך זאלסטו זיך ווייטער אויסרעדן דיין הארץ צום אייבערשטן. פארצייל אים אלעס וואס גייט אריבער אויף דיר; קוק נישט אויף קיין געפילן - צי דו שפירסט יא א

טעם צי דו שפירסט נישט א טעם אין דעם, און אפילו עס דאכט זיך דיר אז מען דארף דיר נישט און מען איז דיר מרחק וכו', זאלסטו ווייטער ממשיך זיין מיט די הייליגע עבודה.

מיין נישט אז די הייליגע צדיקים האבן נישט געהאט די שווערע נסיונות, אלע צדיקים האבן געהאט די שוועריקייטן און נאך אסאך מער נסיונות ווי מיר האבן, דאך האבן זיי ווייטער געדינט דעם אייבערשטן.

דער הייליגער רבי האט דערציילט (שבחי הר"ן, סימן יב): "הָיָה נִדְמֶה לוֹ תָּמִיד שֶׁאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל וְאֵין שׁוֹמְעִין לוֹ כְּלָל", ווען ער פלעגט רעדן צום אייבערשטן האט זיך אים שטענדיג געדאכט אז מען הערט אים נישט אויס אויבן אין הימל וואס ער בעט, און אז קיינער קוקט נישט אויף אים, "רַק אַדְּרַבָּא, נִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּכָל מִינֵי הַרְחָקוֹת וּכְאִלּוּ אֵין רוֹצִין בּוֹ כְּלָל וּכְלָל", פארקערט, ווי מער ער פלעגט רעדן צום אייבערשטן האט זיך אים אלץ מער געדאכט ווי מען דארף אים נישט, "כִּי הָיָה רוֹאֶה שֶׁחוֹלְפִין וְעוֹבְרִין כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים וְשָׁנִים וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלֹא זָכָה עֲדַיִן לְשׁוּם הִתְקָרְבוּת", ווייל ער האט געזען אז עס גייען אריבער אסאך יארן און ער האט נאך אלץ נישט זוכה געווען צו ווערן נאנט צום אייבערשטן, "עַל כֵּן נִדְמֶה בְּעֵינָיו שֶׁאֵין שׁוֹמְעִין דְּבָרָיו כְּלָל, וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, רַק אַדְּרַבָּא, מַרְחִיקִין אוֹתוֹ בְּכָל מִינֵי הִתְרַחֲקוּת מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", דערפאר האט זיך אים געדאכט אז קיינער הערט אים נישט אויס, אדרבה עס האט אים אויסגעזען ווי מען שטופט אים אוועק פון די קדושה, "אַךְ אַף עַל פִּי כֵן הָיָה מְחַזֵּק עַצְמוֹ מְאֹד, וְלֹא הִנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ", מיט דעם אלעמען האט זיך דער רבי זייער געשטארקט און נישט אויפגעהערט מיט זיין עבודת השם יתברך, "וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה שֶׁהָיָה נוֹפֵל בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת זֶה שֶׁרָאָה שֶׁהוּא מִתְפַּלֵּל וּמַעְתִּיר וּמַפְצִיר כָּל כָּךְ שֶׁיִּתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, וּמֵחֲמַת זֶה נָפַל לִפְעָמִים בְּדַעְתּוֹ וְלֹא הָיָה מְדַבֵּר עוֹד כָּל כָּךְ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ אֵיזֶה יָמִים", אסאך מאל האט זיך געמאכט ביים רבי'ן אז ער איז געווארן זייער צעבראכן, זעענדיג אז ער האט שוין אזוי סאך געדאווענט און געבעטן אבער עס דאכט זיך אים אז מען דארף אים נישט, און ער האט אויפגעהערט מאכן התבודדות, "אַחַר כָּךְ נִזְכַּר בְּעַצְמוֹ וְהִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ עַל שֶׁהִרְהֵר אַחַר מִדּוֹתָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חַנּוּן וְרַחוּם וְכוּ', וּבְוַדַּאי הוּא רוֹצֶה לְקָרְבוֹ וְכוּ', וְחָזַר וְנִתְחַזֵּק בְּדַעְתּוֹ וְהִתְחִיל שׁוּב לְהַעְתִּיר וּלְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל", ביז ער האט זיך געכאפט וואס ער האט געטון און ער האט זיך זייער פארשעמט אז ער האט נאכגעלאזט פון די הייליגע עבודת השם, האט ער צוריק

אנגעהויבן רעדן צום אייבערשטן, "וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים", אזוי איז געווען אסאך מאל, עיין שם.

זעט מען אז מען דארף זיין זייער שטארק נישט אויפצוהערן בעטן און דאווענען אפילו ווען עס ווערט פארמאכט די געפילן אז מען שפירט גארנישט און מען זעט גארנישט, אדרבה מען זעט נאר פארקערט, מען זעט ווי מען בעט און מען בעט און עס רירט זיך גארנישט, דארף מען זיין א גרויסער עקשן נישט אפצולאזן די עבודת השם יתברך.

זיי זיך מחזק מיט דיין חבר צו פאלגן דעם רבי'ן און זיך מחזק צו זיין אויף תפילה והתבודדות; אז מען האט א גוטע חבר קען מען זוכה זיין צו זייער שיינע זאכן. שלמה המלך זאגט (קהלת ד, ט-י): "טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן הָאֶחָד אֲשֶׁר יֵשׁ לָהֶם שָׂכָר טוֹב בַּעֲמָלָם", עס איז בעסער צו דינען דעם אייבערשטן מיט א חבר ווי זיין איינער אליין, "כִּי אִם יִפֹּלוּ הָאֶחָד יָקִים אֶת חֲבֵרוֹ, וְאִילוֹ הָאֶחָד שֶׁיִּפּוֹל וְאֵין שֵׁנִי לַהֲקִימוֹ", ווייל אז מען פאלט אראפ ווען מען איז אליין, איז נישט דא ווער עס זאל העלפן אויפהייבן דעם מענטש, אבער אז מען האט א חבר קען דער חבר אים העלפן זיך אויפהייבן; דעריבער זאלסטו זיך מחזק זיין מיט א גוטער חבר. די עיקר דיבורים זאלן זיין פון אמונה און תפילה, אזוי וועסטו האבן די שטארקייט ווייטער ממשיך זיין מיט דיין הייליגע ארבעט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

### זאל איך לאזן מיינע קינדער גיין צו מיין געוועזענער מאן?

## שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א

צום ערשט דארף איך זיך באדאנקען פאר אייערע געוואלדיגע שיעורים, כאטש וואס די שיעורים ווערן געגעבן פאר מענער, האב איך אבער אויך פון דעם פיל חיזוק, דער אייבערשטער זאל אייך געבן ווייטער די כוחות אנצוגיין מיט אייער הייליגע ארבעט.

איך גיי יעצט אריבער שווערע צייטן אין לעבן, איך בין א גרושה מיט עטליכע ליבטיגע קינדערלעך קע"ה, זייער טאטע, מיין געוועזענער מאן, פלעגט מיר שלעפן צו נישט גוטע פלעצער, און יעצט זענען מיר שוין גע'גט.
~~~~~~~~~~

מיין שאלה איז וועגן די קינדער, ביים גט האט מען אפגעמאכט צייטן ווען די קינדער וועלן גיין צו אים, ער זאגט אז ער רעדט צו די קינדער און איז זיי מחנך אויפ'ן געהעריגן וועג אזוי ווי ער איז מחונך געווארן, למעשה איז מיר דאס אבער זייער שווער, קודם איז דאס פשוט שווער פאר מיר יעדעס מאל דאס אויסשטעלן ווי אזוי די קינדער זאלן גיין און קומען, למעשה באקומען זיי נישט צופיל יראת שמים פון זיין ביי אים, אבער למעשה באקומען זיי ליבשאפט פון זייער טאטע וואס דאס איז יא גוט פאר זיי.

איז מיין שאלה אויב איך זאל ווייטער אנהאלטן דאס שיקן די קינדער צו אים אזוי ווי מ'האט אפגעשמועסט, אדער זאל איך אפהיטן די קינדער און זיי האלטן נאר ביי מיר?

איך בין זייער צומישט און איך ווייס נישט וואס איז ריכטיג צו טון, איך האף אז איר וועט מיר קענען קלאר שטעלן וואס צו טון.

א גרויסן יישר כח.

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת שופטים, ד' אלול, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי'.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

אויב איר ווילט זוכה זיין צו ערליכע און געזונטע קינדער דארפט איר אכטונג געבן זיך נישט צו קריגן מיט דער טאטע פון אייערע קינדער (אייער געוועזענער מאן).

קינדער דארפן האבן זייער טאטע פונקט ווי זיי דארפן זייער מאמע; אויב מען האלט אפ קינדער פון גיין צו זייער טאטע אדער מאמע וועלן די קינדער אויפוואקסן פעלערדיג. אזוי אויך טארן די קינדער נישט הערן ווי מען רעדט איינער אויפן צווייטן, ווען קינדער זעען ווי די עלטערן קריגן זיך ווערן זיי זייער דערשראקן און פארמאכט, דאס ברענגט זיי זאלן אויפוואקסן נישט זיכערע קינדער לא עלינו.

איר זאלט ווייטער שיקן אייערע קינדער צו זייער טאטע אזוי ווי מען האט אפגעמאכט ביים גט, אזוי וועלן זיי אויפוואקסן געזונט.

איר זאלט קיינמאל נישט אוועק מאכן ווען זיי דערציילן פון זייער טאטע; אויב איר הערט צוריק פון אייערע קינדער זאכן וואס דער טאטע טוט מיט זיי/רעדט מיט זיי/פירט זיך מיט זיי וכו' וואס איר האלט אנדערש, זאלט איר זיין זייער פארזיכטיג ווי אזוי איר זאגט זיי אייער מיינונג, כדי איר זאלט נישט מאכן דעם רושם ווי איר רייסט אונטער זייער טאטע. די בעסטע זאך וואלט געווען איר זאלט רעדן מיט אים (ווי אזוי עס איז אייך באקוועם - דירעקט מיט אים אדער דורך א פארמיטלער) און זיך דורך קומען מיט אים, אבער נישט אריין נעמען די קינדער אין ויכוחים.

דער אייבערשטער זאל אייך העלפן איר זאלט זוכה זיין אויפצוציען אייערע קינדער מיט יראת שמים, און נאך אלע עצות דארף מען געדענקען אז דער עיקר עצה אויף גוטע קינדער איז "תפילה".

מוהרא"ש האט דערציילט אז א איד איז געקומען צום הייליגן חפץ חיים זכותו יגן עלינו בעטן א ברכה אויף גוטע קינדער, האט דער הייליגער חפץ חיים גענומען א תהלים וואס איז געווען אויפגעבלאזן פון נאסקייט, ער האט דאס געוויזן פאר דעם איד און אים געזאגט: "דאס איז דער תהילים פון מיין מאמע עליה השלום, וואו זי פלעגט זיך יעדן טאג אויסוויינען אז זי זאל האבן גוטע קינדער, אזוי איז מען זוכה צו גוטע קינדער". דערפאר זאלט איר אסאך בעטן דעם אייבערשטן איר זאלט זוכה זיין צו ערליכע קינדער, געזונטע קינדער און קינדער וואס וועלן ליכטיג מאכן דער וועלט.

אז איר וועט אכטונג געבן עס זאל נישט זיין קיין מחלוקת און איר וועט זוכן עס זאל זיין שלום, דורכדעם וועט איר ראטעווען אייערע קינדער פון אלעם שלעכטס, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן עב): "עַל יְדֵי רְדִיפַת שָׁלוֹם מַצִּיל אֶת בָּנָיו מִמִּיתָה וּמִגָּלוּת", דורך שלום ווערן די קינדער געראטעוועט פון מיתה און פון גלות; ווייל אז עלטערן קריגן זיך אנטלויפן די קינדער פון שטוב, זיי טרעפן שלעכטע חברים, ביז זיי נעמען דראגס רחמנא לצלן.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלן האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

## האב איך ריכטיג געטון אז איך האב זיך גע'גט?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן יישר כח פאר די ענטפער וואס איר האט מיר געגעבן איבער ווי אזוי צו האנדלען מיט מיינע קינדער לגבי זייער טאטע, מיין געוועזענער מאן. דאס האט מיר זייער בארואיגט און דערפריידט צו וויסן די ריכטיגע וועג ווי אזוי זיך צו פירן, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועל איך טאקע פרובירן אזוי צו טון.

אזוי ווי איר האט מיר געשריבן אז מ'דארף זיך האלטן בשלום, נישט פירן קיין מחלוקת, און אכטונג געבן נישט צו רעדן אויף אים, זיך האלטן צום אפמאך פון שיקן די קינדער, און אזוי ווייטער; האט דאס מיר געמאכט טראכטן צי איך האב זיך טאקע געדארפט גט'ן בכלל?
~~~~~~~~~~

דער גאנצער גט איז בעיקר געקומען דורך מיינע עלטערן וועלבע האבן זיך אריינגעמישט אין אונזער לעבן, עס האט זיי נישט געפאסט צו האבן אזא סארט איידעם וואס גייט נישט פונקטליך אין זיין סארט וועג.

איך בין זייער צומישט אויב איך האב זיך טאקע געדארפט גט'ן, כאטש וואס צומאל פריי איך זיך טאקע אז איך האב זיך אפגעג'גט פון אים, אבער רוב צייט האב איך אסאך שולד געפילן און געדאנקען פון חרטה אויב איך האב גוט געטון.

איך האף איר וועט מיר קענען ארויסהעלפן מיט דעם, און נאכאמאל א גרויסן יישר כח פאר'ן ענטפערן.

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת שופטים, ה׳ אלול, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

עס האט מיר זייער וויי געטון ווען איך האב געליינט וואס איר שרייבט, אז אייער גט איז געשען צוליב אייער משפחה וואס האבן זיך אריין געמישט וכו׳; ליידער פאסירן זייער אסאך גט׳ן פון עלטערן וואס מישן זיך אריין וכו׳.

מוהרא״ש זכרונו לברכה פלעגט זאגן דאס פאלגענדע פאר אלע חתנים און כלות, די תורה זאגט (בראשית ב, כד): ״עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ״, לכאורה איז שווער, ווי קען מען זאגן פאר חתן כלה זיי זאלן אפלאזן זייערע עלטערן ווען די גרעסטע מצווה איז כיבוד אב ואם?! חכמינו זכרונם לברכה רופן אן די מצווה פון כיבוד אב ואם (ירושלמי פאה א, א): ״חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת״, וואס איז פשט אז מען זאגט פאר חתן כלה: ״לאזט אפ אייערע עלטערן?״ נאר דאס מיינט מען צו זאגן מען זאל נישט אריין מישן די עלטערן אינעם לעבן.

א פאר-פאלק דארף וויסן: ״עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ״ - מישט נישט אריין אייערע עלטערן אין ענקער לעבן און קיינמאל זיך נישט אפרעדן פאר זיי. אמת, זאכן דארפן זיך מסדר זיין וכו׳, אבער מישט נישט אריין די עלטערן און קרעכצט נישט צו זיי, פאר עלטערן דערציילט מען נאר גוטס און מען ברענגט זיי נאר נחת.

ווען עפעס דרוקט, דאס הייסט, מען קומט זיך נישט אויס איינער מיטן צווייטן, עס איז דא חלוקי דעות צווישן מאן און ווייב, איז נישט גוט דאס צו דערציילן פאר די עלטערן, נאר מען דארף זוכן אן ערליכער איד וואס זאל העלפן עס זאל זיין שלום בית; דער ערליכער איד וויל נישט קיין געלט, ער האט נישט קיין שום זייטיגע אינטערעסן, ער וויל נאר איין זאך עס זאל זיין גוט פאר דעם פאר-פאלק.

העבר אין והעתיד עדיין; יעצט דארפט איר אכטונג געבן אז אייערע קינדער זאלן וואקסן געזונט. מען האט גארנישט פון טראכטן אויף צוריק, עס איז א שאד זיך אויפצועסן דאס געזונט טראכטנדיג צי מען האט יא גוט געטון צי נישט, מען דארף זיין קלוג צו טראכטן וואס צו טון אויף להבא.

דער אייבערשטער זאל אייך געבן כח צו מגדל זיין אייערע קינדער געזונטערהייט.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~

**איך שנייד נישט מיין בארד ב"ה, די שנויצן מעג מען יא שניידן?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן יישר כח פאר אלע חיזוק, אין זכות פונעם ראש ישיבה שליט"א נעם איך נישט אראפ מיין בארד, כאטש וואס איך זע נישט אויס שיין דערמיט און מיינע חברים זאגן מיר אז איך זאל עס יא אפשערן. איך האב נאר געוואלט פרעגן איבער די שנויצן, מעג מען דאס יא אפשערן?

א גרויסן יישר כח, יהושע

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת שופטים, ד׳ אלול, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד יהושע נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

**וואויל איז דיר אז דו שניידסט נישט דיין בארד, אין דעם זכות וועסטו האבן שפע.**

אין זוהר הקדוש (נשא, קלא) ווערט אנגערופן דער בארד "צִינּוֹרוֹת עֶלְיוֹנִים"; דאס זענען רערן (פייפס) וואס דורך דעם קומט אראפ פון הימל פארן מענטש אלע ברכות, אבער אויב שניידט מען די בארד און פיאות שניידט מען אפ אלע רערן (פייפס) פון פרנסה וואס דארף קומען צום מענטש; הער נישט אויס די וואס מאכן אוועק די בארד און פיאות, הער נאר צו וואס ערליכע אידן זאגן - וועט דיר גוט זיין.

דו שרייבסט מיר אז דיינע חברים זאגן דיר אז דו ביסט נישט שיין מיט א בארד; וויל איך דיר פרעגן, וואס הייסט שיין? שיין הייסט נאר וואס איז שיין ביים אייבערשטן. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת קנב.): הַדְרַת פָּנִים - זָקָן, א שיינע געשטאלט איז ווען מען
~~~~~~~~~~

האט א באַרד; מיר דאַרפן לעבן מיטן אייבערשטן און קוקן וואס מיינט שיין ביים אייבערשטן.

די הייליגע חכמים זאגן (בבא מציעא פד.): ״הַאי מַאן דְּבָעֵי מֵיחְזֵי שׁוּפְרֵיהּ דְּרַבִּי יוֹחָנָן״, ווער עס וויל זען ווי שיין דער הייליגער אמורא רבי יוחנן האט אויסגעזען, ״נַיְיתֵי כָּסָא דְּכַסְפָּא מִבֵּי סִילְקֵי״, זאל נעמען א נייע זילבערנע בעכער, ״וְנִימְלֵיהּ פַּרְצִידֵי דְרוּמָּנָא סוּמָּקָא״, און עס אנפילן מיט שיינע רויטע קערלעך פון א מילגרוים, ״וְנֶיהְדַּר לֵיהּ כְּלִילָא דְוַרְדָא סוּמָּקָא לְפוּמֵיהּ״, רינגס דעם בעכער זאל ער ארום לייגן שיינע רויטע רויזן ווי א קרוין, ״וְנוֹתְבֵיהּ בֵּין שִׁמְשָׁא לְטוּלָּא״, און שטעלן דעם בעכער צווישן שאטן און זון, ״הַהוּא זַהֲרוּרֵי מֵעֵין שׁוּפְרֵיהּ דְּרַבִּי יוֹחָנָן״, די שיינקייט וואס שיינט ארויס פונעם בעכער מיט די רויזן איז א מעין פון די שיינקייט פון רבי יוחנן, פרעגן חז״ל: פארוואס רעכנט מען נישט רבי יוחנן צווישן די שענסטע מענטשן פון דער וועלט? ענטפערן די חכמים: ״דְּהַדְרַת פָּנִים לָא הַוְיָא לֵיהּ״, ווייל ער האט נישט געהאט קיין באַרד; זעט מען פון דעם וואס מיינט שיין, שיין מיינט אז מען פאלגט די הייליגע תורה.

די שנויצן איז נישט קיין פראבלעם צו שניידן, דער באר היטב ברענגט אראפ (שולחן ערוך יורה דעה סימן קפא, סעיף י, סעיף קטן ה) פונעם אריז״ל אז ער פלעגט שניידן זיינע שנויצן כדי עס זאל אים נישט שטערן ביים עסן.

דער אייבערשטער זאל דיר געבן כח זיך צו האלטן שטארק אפילו מען שפעט פון דיר.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~